ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# כתר שם טוב

אידיש

665

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# כתר שם טוב

די היילינע תורות און די וואונדערליכע מעשים טובים
פון דעם וועלט־בערימטען געטליכען מקובל

## הרב הקדוש רבי ישראל בעל שם זצוק"ל!

דאס היילינע ספר עפענט די אויגען צו זעהען דאס טייערקייט
פון די אידישע אמונה, און וואס פאר א גרויסען ווערט די
היילינע צדיקים האבען אין הימעל, צו פועל'ן ביי'ם אייבערשטען
אזאלכעס וואס ס'שטעהט העכער פון די נאטור.

צו בעקומען אין סקלאד ספרים מרדכי מונק לאדז
נאווימיעסקע שטראססע ‎№ 20.‎

נאכדרוק שטרענג פערבאטען

פיעטרקוב

שנת חמשת אלפים ותרע"א לפ"ג

דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו, איידער ער איז נתגלה געווארען אויף דער וועלט, איז ער געוועזען א בעהעלפער ביי א מלמד אין די בעקאנטע שטאדט האריזדענקי, און האט געגעסען אלס אורח ביי'ם דארטיגען רב רבי חיים ז"ל דער שווער פון בערומטען גאון רבי מאיר מרגליות, דער גרויסער רב פון אוסטראהא, און דער מחבר פון ספר "מאיר נתיבים".

דער בעל שם טוב האט אין די דארטיגע שטוב נישט ארויסגעוויזען דאס מינדעסטע פון זיין גרויסקייט, ווייל ס'איז נאך נישט געוועזען די ריכטיגע צייט ער זאל נתגלה ווערען, אלע פון דעם הויז האבען איהם געהאלטען פאר א געווענליכען בעהעלפער, אויסער די רביצען חיה וואס האט געוויסט אז ער איז איינער פון די גרויסע הימעל מענשען, נאר דורך א סבה האט זי הייליג געשוואוירען צו האלטען דאס זעהר שטרענג אין געהיים, און אזוי ווי זי איז ווירקליך געוועזען א אמת'ע צדיקת, איז די שבועה געוועזען ווי א שלאס אויף איהר אבגעריסען מויל, און האט אפילו איהר איינענעם מאן נישט אויפמערקזאם געמאכט, אז דער אורח איז א פערבארגענער צדיק.

די סבה וואס די רביצען איז דערגאנגען דאס גרויסקייט פון דעם בעל שם, איז, וואס זי איז אמאל געפאהרען געשעפטליך צו א גראף און אלס שומר האט זי מיט גענומען דעם בעל שם. און פאהרענדיג אין וואלד איז אויף איהר געפאלען א מיעדקייט און האט זיך געוואר'ט א ביסעל אברוהען, און ווי דער בעל שם טוב האט איהר ערקלעהרט וואס די הייליגע חכמים זאגען (ירושלמי ברכות פ"ד) אז אלע וועגען זענען בחזקת סכנה, ווי נאך אין א וואלד, האט זי געענטפערט, אז פאהרענדיג צוזאמען מיט אזוי א צדיק ווי ער איז איז די מינדעסטע סכנה נישט. הערענדיג איהר ענטפער האט דער בעל שם א שמייכעל געטוהען און איהר געזאגט, אז דורך דעם צוטרוי וואס זי האט צו איהם וועט זי גערעטעט ווערען פון דעם גרויסען געפאהר וואס ערווארטעט זיי, און ער האט פון איהר דערבאוים פערלאנגט דאס זי זאל איהם הייליג צו שווערען צו האלטען בסוד אלץ וואס זי וועט פון איהם הערען און זעהען, און ווי זי האט איהם אויף דעם איהר הייליגע שבועה געגעבען, האט ער איהר ערצעהלט אז ס'ברויכט גלייך צו קומען צו זיי א בעוואפענטער גזלן, וואס זיינע הענד האבען שוין דארט אין וואלד פיעל אונשולדיג בלוט פערגאסען, און זעהענדיג ווי די רביצען הייבט אן ציטערען פון שרעק, האט ער זי געוואלט בערוהיגען און איהר געזאגט אז ער וועט דעם גזלן בעזיעגען און אויף איהם זיין טויט ברענגען, נאר זי האט ווייטער געציטערט זאגענדיג אז זי גלייבט נישט אז דער אונגעוואפענטער זאל בעזיעגען דעם געוואפענטען, דער בעל שם האט איהר פעסט פערשפראכען אז די ווערטער וואס געהען ארויס פון זיין הייליג מויל זענען פיעל שארפער פאר דעם גזלנ'ס געוועהר, אין דעם געשפרעך קומט פלוצליבג ארויס דער גזלן פון די געדעכטע בוימער, און האט צו זיי געפייערט מיט זיין רייזענשטימע: "געלד אדער דאס לעבען!" אויף דעם האט איהם דער בעל שם קאלטבלוטיג געענטפערט אז זיי האבען קיין געלד נישט, און איהם ערקלעהרט אז גאט האט אויפ'ן בארג סיני געזאגט לא תרצח, דער גזלן האט אויף דעם

נישט געקוקט און האט איהם געוואלט ערמארדען מיט זיין שווערד, נאר דער בעל שם האט איהם גלייך דורכגעשפיזט מיט זיינע אויגען, און ער איז געבליבען ווי פערשטיינערט מיט דער שווערד אין דער הויך, נישט קענענדיג ריהרען זיך פון ארט, און שטעהענדיג אזוי ווי געלעהמט האט ער זיך נאך ערלויבט צו בעלייידיגען דעם בעל שם און איהם רופען מכשף, דער בעל שם האט גלייך געזאגט א שם פון די שמות הקדושים, און דער גזלן איז ביז די פוס אריינגעזינקען אין די ערד, און ווי ער האט ווייטער נישט אויפגעהערט צו זידלען דעם בעל שם, האט ער וואס אמאל מעהר געזינקען אין דער ערד, דער בעל שם האט איהם ערנסט געווארענט ער זאל תשובה טוהען, נאר זעהענדיג אז ער איז פון די פערביסענע רשעים, וואס שטעהענדיג שוין ביי די טיהרען פון גיהנם ווילען זיי אויך קיין תשובה נישט טוהען, האט ער נאך אמאל געזאגט דעם הייליגען שם און דער גזלן איז ווי קרח איינגעזינקען געווארען און די ערד האט איהם צוגעדעקט.

די רביצען חיה האט דאס מיט וואונדער בעטראכט, און ארויסגעהענדיג פון וואלד, האט זי געפרעגט דעם בעל שם, וואס וועט זיין אז זי וועט די וואונדערליכע זאך נישט קענען האלטען אין געהיים, און זי וועט דאס איהר מאן ערצעהלען, דער הייליגער בעל שם האט איהר ערקלעהרט די גרויסע זינד פון דעם וואס האלט נישט זיין שבועה, און די חכמים זאגען (שבועות ל"ט ע"א) אז די גאנצע וועלט האט געציטערט ווען נאט האט געזאגט מ'זאל נישט פאלש שווערען, אויך זאגען די חכמים (ערכין ט"ז ע"א) אז א פאלשע שבועה ברענגט אויפ'ן מענש נגעים רחמנא ליצלן, בעזונדער האט איהר דער בעל שם צוגעזאגט, אז ווען זי וועט דאס האלטען בסוד, וועלען איהרע ביינער רוהען אין קבר, און ווען ס'וועט ווער קומען שטערן איהר רוה, זאל זי אנרופען זיין נאהמען, וועט דער פון איהר אבטרעטען, און זי האט זיך שטארק געקוועהלט און דאס שטרענג אין געהיים געהאלטען ביז זי איז געשטארבען.

אין יענע צייט, דאס הייסט אים יאהר ה' אלפים תקל"א, איז אין יענעם נעגען דער לופט פערדארבען געווארען און מענשען זענען אומגעקומען ווי אין א מגפה רחמנא ליצלן, די גרויסע גיטע אידען האבען אלס סגולה פערברענען א טויטען קערפער, דאס מיט דעם זאל דער הימלישער צארן געלאשען ווערען, איינינע אידען האבען זיך פערגנב'ט אויפ'ן בית-עלמין דער שומר המתים זאל זיי נישט זעהען, אין זיי האבען גראדע געטראפען צום קבר פון די רביצען און געוואלט זי אויפגראבען צום פערברענען, פלוצלינג האט זיך געהערט א שרעקליך קול פון קבר: „בעל שם טוב!" „בעל שם טוב!" די מענשען זענען אזוי שטארק דערשראקען געווארען דאס זיי זענען אניעדערגעפאלען אויף דער ערד ווי טויטע און זיך נישט געקענט ריהרען פון ארט, דער שומר המתים איז גראדע דורכגעגאנגען און האט זיי קוים דערמינטערט און פון זיי דערגאנגען וואס זיי האבען געוואלט טוהען, און ווי זיי זענען צו זיך אהיים געגאנגען זענען זיי אלע געשטארבען אויף די זעלבע קראנקהייט אלס עונש וואס זיי האבען געוואלט פערברענען די הייליגע רביצענ'ס קערפער.

אין די צייט איז דער הייליגער בעל שם נתגלה געווארען, און מ'האט איבעראל ערצעהלט זיינע וואונדערליכע מעשים און זיין אונגעהויערן כח אין חכמת

הקבלה, די גרעסטע לומדים זענען איהם געקומען בעזוכען און האָבען געוואָלט זעהר גערן וויסען אויב ער איז אין נגלה אויך אַ גרויסער מענש, נאָר אזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט ווייזען זיין גדלות, האָבען זיי געמיינט אַז ער איז קיין למדן נישט, וואָס אין אֶמת האָט ער געהאַט אַלע גאָלדענע שליסלען פון די הייליגע תורה פון נגלה און פון נסתר, נאָר ער האָט פון נגלה געמאַכט אַ נסתר און פון נסתר אַ נגלה. און ווען ס'איז צו איהם געקומען אַ גאון און הערענדיג פון איהם אַז ער איז נישט אזוי קלאָהר אין דעם שלחן ערוך, האָט ער איהם געפרעגט וואָס ער וואָלט געטוהען ווען ס'זאָל ביי איהם אום שבת אויסברעכען אַ פייער, און ביז ער וואָלט אויפגעמישט דעם שלחן ערוך און נאָכגעקוקט וועלכעס מען מעג מציל זיין און וועלכעס נישט וואָלט דערווייל אַלץ פערברענט געוואָרען, אויף דעם האָט ער זיי שמייכלענדיג געענטפערט, אַז ער וואָלט אָנגעזאָגט דאָס פייער אַז ס'זאָל קיין זאַך נישט פערברענען ביז ער וועט נאָכזעהען אין שלחן ערוך וועלכע זאַכען ער מעג אַרויסרעטען, נאָך דעם האָט זיך דער גאון איבערצייגט אַז ער איז קלאָהר אין גאַנצען שלחן ערוך בעל פה.

דער וועלטבערומטער צדיק רבי דוד פערקוס האָט ביי דעם הייליגען בעל שם טוב געפלעגט דאַווענען כל נדרי פאַר'ן עמוד, מוסף האָט געדאַוונט דער הייליגער צדיק רבי דוד פון ניקאָלאַיעוו, און דער בעל שם האָט געדאַוונט נעילה. ערב יום כפור האָט דער רבי דוד פערקוס געגעסען די סעודה מפסקת ביי'ם בעל שם, אַמאָל האָט מען צום טיש דערלאַנגט אַ גרויסע שיסעל צימעס. דער בעל שם האָט קוים פערזוכט און האָט די שיסעל צוגערוקט צו ר' דוד'ן, ער האָט געגעסען צו דער זעט און האָט די שיסעל אָבגערוקט, דער בעל שם האָט די שיסעל צו איהם צוריק גערוקט, און ער האָט נאָך אַ ביסעל געגעסען און זי ווידער אָבגערוקט, דער בעל שם האָט ווידער צוגערוקט צו איהם די שיסעל און ער האָט נאָך אַ ביסעל געגעסען און האָט געפיהלט אַז ער האָט זיך שוין איבערגעגעסען, און ווי דער בעל שם איז אַריין אין זיין חדר, האָט דער רבי דוד אָנגעהויבען צו וויינען אויפ'ן קול, אַז דער בעל שם האָט דאָס דערהערט און איז אַרויס פון חדר פרעגענדיג איהם וואָס דאָס וויינען איז, און ער האָט ערצעהלט אַז ער האָט זיך איבערגעגעסען, און ער האָט מורא אַז ער וועט דורך דעם נישט קענען דאַווענען כל נדרי פאַר'ן עמוד, הערענדיג דאָס האָט דער בעל שם אַרויפגעלייגט זיין האַנד אויף רבי דוד'ס אַקסעל און האָט איהם מבטיח געווען אַז דאָס דאַווענען וועט איהם געלונגען, און ווי דער בעל שם האָט אויף זיין אַקסעל געהאַלטען זיין האַנד האָט ער געפיהלט ווי דאָס עסען ווערט אין איהם שנעל פערדייעט, אזוי ווייט אַז ער האָט אָנגעהויבען פיהלען הונגער, און זיין דאַווענען כל נדרי האָט פיעל בעסער געלונגען ווי יעדעס יאָהר.

יעדע נאַכט נאָך מעריב איז דער הייליגער בעל שם אַריינגעגאַנגען אין זיין אָבגעזאָנדערטען צימער, דאָרט אויפ'ן טישעל האָבען געברענט צוויי ליכט, אויף איהם פלעגט שטענדיג ליגען דער משניות קדשים און טהרות די גמרא זבחים און מנחות אויך דער ספר יצירה. ביז זייגער עלף אין דער נאַכט האָט ער דאָרט אויפגענומען מענשען פון אַ האַלבע וועלט וואָס זענען געקומען איהם פרעגען עצות אָדער נעמען אַ ברכה, פיעל מאָהל זענען מיט אַמאָל אַריינגעקומען פיעל מענשען, יעדער מיט אַ אַנדערן פערלאַנג, און ער האָט אַלע איין ענטפער געגעבען, יעדען

האָט זיך גערעכט אַז דער בעל שם רעדט צו איהם, און גיט איהם אַ עצה אָדער אַ ברכה אויף זיין פערלאַנג, און די הייליגע תלמידים וואָס האָבען דאָס געזעהען און געהערט זענען זעהר ערשטוינט געוואָרען בעמערקענדיג דאָס די שכינה רעדט אַרויס פון זיין מויל.

אויבוואָהל דער הייליגער בעל שם טוב האָט אַלע זיינע תלמידים געוויזען אַ אומנאַטירליך ליעבשאַפט, זעהענדיג אין יעדען פון זיי אַ קוואַל פון די הייליגסטע מעלות און שענסטע מדות, פונדעסטוועגען האָט ער צום ליעבסטען געהאַט זיינע צוויי וועלטבערומטע תלמידים דעם גאון רבי מאיר מרגליות דער מחבר פון ספר מאיר נתיבים מיט זיין הייליגען ברודער רבי יצחק בער זכרונם לברכה, וויסענדיג דאָס זיי שטעהען אויף העכערע מדרגות פאַר אַלע זיינע איבריגע תלמידים. ער האָט זיי אַמאָל געזאָגט אַז זיי זאָלען פון איהם וואָס פערלאַנגען וועט ער זיי דאָס טוהען, און זיי האָבען איהם אויף דעם זעהר גליך געענטפערט: „מיר ווילען דאָס וואָס איך געפעלט". הערענדיג דאָס האָט ער זיי געהייסען נעמען זיין געשריבענעם סדור און ביי דער ברכה וואָס זיי געפעלט זאָלען זיי אין דער זייט אויפשרייבען זייער און זייערע מוטערס נאָמען. זיי האָבען גליך גענומען דעם סדור און האָבען ביי דער ברכה שומע תפלה אויפגעשריבען זייערע נעהמען. זעהענדיג זייער חכמה האָט זיי דער בעל שם פעסט פערשפּראָכען אַז זייערע תפלות וועלען דערהערט ווערען אין די הויכע הימלען. נאָך דער פּטירה פון בעל שם איז דער געשריבענער סדור אַנגעקומען אין די הענד פון דעם הייליגען צדיק פון סאַווראַן, און ביי איהם אין שטוב איז געוועזען אַ אָפּטער איינגעהער, און הערענדיג די גרויסע סומע געלד וואָס מ'וויל בעצאָהלען פאַר דעם געשריבענעם סדור, און ווי ער וויל איהם פאַר קיין געלד נישט פערקויפען, האָט דער איינגעהער גוט בעטראַכט דעם סדור און האָט קינסטליך נאָכגעשריבען פּונקט אַזאַ סדור אַז ס'איז נישט געוועזען צום דערקענען צווישען דעם אָריגינאַל און דער קאָפּיע, ער איז מיט דעם נאָכגעמאַכטען סדור אַוועקגעפאָהרען נאָך אוסטראָהאָ צום מאיר נתיבים, און דאָרט האָט ער דעם סדור געוויזען איינעם פון די רייכע חסידים און איהם געזאָגט אַז דאָס איז דער רעכטיגער סדור פון הייליגען בעל שם, דער חסיד האָט איהם געוואָלט פאַר איהם בעצאָהלען אַ גרויסע סומע געלד, נאָר צו זיין גליק איז איהם דאַמאָלס אַריין אין זינען ער זאָל איהם פריהער ווייזען דעם רב, און ווי דער רב האָט געזעהען דעם סדור האָט ער געזוכט ביי די ברכה שומע תפלה זיין נאָהמען און זיין ברודערס נאָהמען, און ווי ער האָט דאָס נישט געפונען האָט ער גלייך בעמערקט אַז דער סדור איז נישט דעם בעל שם טוב'ס, און ער האָט דעם בעטריגער אַזוי לאַנג געצווינגען ביז ער האָט מודה געוועזען, דאַמאָלס האָט דער רב פערשטאַנען צו וואָס האָט דער בעל שם איהם געהייסען אויפשרייבען זיין נאָהמען אין סדור זעהענדיג דעם דאָזיגען צוקונפט.

אַמאָל האָט זיך דעם בעל שם פערגליסט צו פאָהרען נאָך ארץ ישראל און זיין אויפ'ן קבר פון זיין רבי'ן אחיה השלוני וואָס פלעגט זיך צו איהם זעהר אָפט בעוויזען און איהם איבערגעבען די סודות התורה, ער איז מיט ר' הירש סופר געפאָהרען נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דער בעל שם האָט איהם דאָרט ערקלערט אַז ער ברויכט קיין שיף נישט נאָר ער וועט פערשפּרייטען זיין מלבוש אויפ'ן ים און זיצענדיג אויף דעם מלבוש וועלען זיי בשלום אריבער דעם ים, ער האָט איהם אָנגעזאָגט אַז די גאַנצע צייט זאָל ער האַלטען פערמאַכט זיינע אויגען און געדענקען

דעם הייליגען שם וואס ער וועט איהם איבערגעבען, ער האט פערשפרייט זיין מלבוש איפ'ן ים און ווי זיי האבען זיך ביידע ארויפגעזעצט האט ער איהם איבערגעגעבען דעם שם און דאס מלבוש האט אנגעהויבען מיט זיי אומנאטירלעך שנעל צו שווימען, און ווי זיי זענען געקומען אין מיטען ים, האבען זיי פלוצלינג דערהערט זעהר א יאמערליך געשריי פון פיעל מענשען אויף א שיף וואס געהט נאך קאנסטאנטינאפאל און האלט דארט ביי'ם אונטערגעהן, דער בעל שם האט שנעל בעהעפט דעם ארבעל פון זיין מלבוש אין די פערלוירענע שיף און האט זי בשלום געפיהרט נאך קאנסטאנטינאפאל, און דארט איז ער מיט ר' הירש'ן פערשווינדען געווארען, וויל ער האט נישט געוואלט מאכען מיט זיך א פרסום אז דער סולטאן זאל איהם רופען צו זיך און פון איהם פערלאנגען דאס וואס דער הימעל וויל איהם נישט טוהען.

דער וועלטבערימטער גאון ר' יצחק בער האט חתונה געהאט מיט די צדיקת פייע, די טאכטער פון דעם גרויסען גאון רבי יעקב דער פויזנער רב, זיין פאטער דער הייליגער גאון רבי יצחק איז געוועזען פויזנער רב, און זיין תלמיד איז געוועזען דער מחבר פון מגן אברהם, און דער גאון רבי יצחק האט געהאט א זוהן דער צדיק ר' שמואל וואס איז געוועזען רב אין דער שטאדט זאלישטשיק, און ווי דער ר' שמואל איז אלט געווארען זעבצעהן יאהר איז ער אזוי געפעהרליך קראנק געווארען אז די דאקטוירעם האבען איהם מיאש געוועזען, זיין פאטער איז שנעל געפאהרען נאך מעזיבוז און האט דעם בעל שם טוב ערצעהלט פון זיין זוהנס קראנקהייט, און דער בעל שם האט איהם געהייסען אז ער זאל זיין קראנקען זוהן שיקען צו איהם, און ער וועט איהם א גאנץ יאהר האלטען ביי זיך אין שטוב ווי א אייגען קינד, און אויבוואהל דאס האט דעם פאטער נישט געשמעקט זיין זוהן זאל א גאנץ יאהר נישט זיין ביי איהם אין שטוב, נאר זייענדיג דער גרויסער מאמין אין הייליגען בעל שם איז ער אהיים געפאהרען און געשיקט זיין קראנקען זוהן צום בעל שם, און ער האט איהם א גאנץ יאהר געהאלטען ביי זיך ווי א אייגען קינד, און אויסער דעם וואס ער איז ביי איהם פעליג געזונד געווארען, האט ער זיין נשמה ארויפגעבראכט אויף זעהר א הויכע מדרגה און האט איהם איבערגעגעבען פיעל גאלדענע שליסלען פון סתרי תורה, ווען דער בעל שם פלעגט פאהרען אין וועג האט ער איינעם פון די פאסאזירען מכבד געוועזען צו זאגען תהלים און לערנען עין יעקב פאר אלע, כדי זיי זאלען נישט מסיח דעת זיין פון קדושה, און ווען דער ר' שמואל איז מיט געפאהרען האט ער איהם מיט דעם מכבד געוועזען, און זיין תהלים זאגען אויך זיין לערנען דעם עין יעקב האט אנגעצינדען א גרויסע פייערדיגע קדושה אין די הערצער פון די פאסאזירען, און זיי ארייגעבראכט אין א אנדערע גייסטיגע וועלט. ווי דאס יאהר האט זיך געענדיגט איז ר' שמואל צוריק אהיים צו זיינע עלטערען פעליג געזונד, ער האט געלעבט צוויי און זיבציג יאהר און איז קיינמאל נישט מעהר קראנק געוועזען.

דער הייליגער רב ר' שלמה ליב פון לענטשנע ערצעהלט, אז ווען דער פני יהושע איז געוועזען רב אין לעמבערג, דאמאלס איז דער הייליגער בעל שם טוב געוועזען מלמד אין א דארף אונטער לעמבערג, און קיינער האט נאך דאמאלס נישט געוויסט פון זיין גדלות, אויך איז ער דארט געוועזען בעל תפלה, און יעדען שבת האט ער דארט געלערנט מיט א עולם אידען און האט פיעל עמי-הארצים געמאכט

פאַר אָמת'ע לומדים. ער האָט אַמאָל געזאָגט סליחות פאַר'ן עמוד מיט אַזוי אַ מתיקות און אַ התלהבות, אַז דער שטענדיגער חזן האָט איהם אָבגעטרעטען און ער האָט ראש השנה יום כפור געדאַווינט אַלע תפלות אויך שופר געבלאָזען, און די אַלע מענשען מענער און פרויען וואָס האָבען דאָרט געדאַווינד, האָבען געהאַט זעהר אַ גליקליך יאָהר, זיי האָבען נישט געוויסט פון קיין אומגליק און פון קיין קראַנקהייט רחמנא ליצלן, און דער וואָס ס'איז איהם יאָ אַ אומגליק געשעהען אָדער ער איז קראַנק געוואָרען, איז געוועזען פון די וואָס זענען אַריינגעפאָהרען אין שטאָדט דאַווינען, און דורך דעם האָט מען שוין אָנגעהויבען צו בעטראַכטען דעם בעל שם פאַר נישט קיין געווענליכען מלמד און ער איז ביסלעכוויין נתגלה געוואָרען.

דער הייליגער רבי פון נעסכיזש ערצעהלט, דאָס דער בעל שם טוב איז אַמאָל געגאַנגען מיט זיין תלמיד אין אַ מדבר וואָס דאָרט האָבען זיי קיין וואַסער נישט געפונען, דער אונגעהויערער דורשט האָט דעם תלמיד אַזוי געפּייניגט אַז ער איז אַריין אום גרעסטען געפאַהר און זיין קרעכצען האָט אין בעל שם טוב'ס הערץ דערוועקט אַ גרויס רחמנות, און ווי ער האָט אויף איהם דער ערשטען ערבאַרמדיגען בליק געגעבען, איז פלוצליגג צוגעקומען אַ אומבעקאַנטער מענש מיט צוויי קרוגען וואַסער, דער בעל שם האָט איהם בעצאָהלט און זיי האָבען מיט דעם קאַלטען וואַסער געלאָשען זייער פייערדיגען דורשט. דער תלמיד האָט איהם געפרעגט צו וואָס ער טראָגט די קרוגען וואַסער אין דעם וויסטען אָרט ווי מ'זעהט קיין מענש נישט, און ער האָט איהם ערצעהלט, אַז זיין הערר איז פערריקט געוואָרען און ער וויל נישט טרונקען נאָר דאָס וואַסער וואָס איז אין יענע זייט וויסטע. דער תלמיד האָט גלייך בעמערקט אַז אין דעם שטעקט דעם בעל שם'ס כח וואָס שטעהט העכער פון דער טבע, נאָכדעם האָט דער בעל שם איהם ערקלערט דעם הויכען מיינונג פון די הייליגע חכמים וואָס זאָגען (ברכות ל"ג ע"א) אַז נישט דער שלאַנג הרג'ט דעם מענש נאָר זיינע זינד הרג'ט איהם.

פיעל מאָל פלעגט דער בעל שם טוב האָבען התבודדות אויף די געבערג אויך אין די טיעפסטע טהאָלען און דאָרט לערנען קבלה מיט אַ אונגעהויער התלהבות, ער איז אַמאָל געקומען אויף אַ וויסט אָרט, וואו די גזלנים וואָס געפונען זיך דאָרט האָבען פון וויטען געזעהען און בעוואונדערט זיין שפאַצירען ווי אַ פיינקער הירש אויף דעם שפיציגען באַרג אויך אין דעם טיעפען טהאָל און האָט קיין מורא נישט פאַר די געפעהרליכע שטראָכלונגען וואָס ליגען דאָרט, אויך זענען זיי ערשטוינט געוואָרען זעהענדיג ווי אונטער זיינע פיס בעהעפט זיך איין באַרג מיט'ן צווייטען, און ווי ער געהט פון איהם אַראָב זאָנדערן זיי זיך צוריק אָב, די בעוואָפענטע גזלנים זענען צו איהם צוגעגאַנגען מיט מורא און כבוד, און האָבען איהם געזאָגט, אַזוי ווי זיי זעהען אַז ער איז אַ געטליכער מאַן פערלאַנגען זיי אַז ער זאָל פאַר זיי מתפלל זיין אַז זיי זאָלען האָבען הצלחה אין זייערע געשעפטען. דער בעל שם האָט זיי דאָס מבטיח געוועזען נאָר דאַמאָלס ווען זיי וועלען איהם הייליג צושווערען אַז זיי זאָלען נישט מעהר בערויבען דעם וואָס גלייבט אין אחדות הבורא, נאָכדעם ווי זיי האָבען איהם אויף דעם זייער שבועה געגעבען, האָבען זיי געפונען אַ בעהאַלטענעם אוצר מיט געלד, און האָבען גלייך אַוועקגעוואָרפען דאָס גזלנות און געוואָרען סאָלידע מענשען.

אָנפאַנגס ווי דער בעל שם טוב האָט אָנגעהויבען נתגלה צו ווערען, איז

איינער פון די גרויסע מתנגדישע רבנים ארומגעפאהרען אין די שטעדט און געווארענט די מענשען זיי זאלען זיך מתרחק זיין פון בעל שם'ס נייע שיטה און נישט האבען קיין התקרבות צו איהם און צו זיינע אנהענגער, דער זעלבער רב איז אמאל ערב שבת פאר נאכט אריינגעקומען אין דעם זעלבען דארף ווי דער בעל שם האט דאמאלס געוואוינט, און דארט האט זיך נישט געפונען אפילו איין אנשטענדיגער בעל הבית וואס דער רב זאל קענען ביי איהם שבת האלטען, דאדורך איז ער געצווינגען געוועזען צו האלטען שבת ביי דעם בעל שם. פרייטאג צו נאכט נאכ'ן עסען ווען אלע זענען שוין געשלאפען און די ליכט האבען זיך שוין געהאט אויסגעברענט, האט זיך דער בעל שם געלייגט צווישען אויווען און דעם רב האט ער ערלויבט צו לייגען זיך שלאפען אין זיין בעט. ווי ס'איז געקומען האלבע נאכט האט דאס בעט אנגעהויבען פלוצלינג צו ציטערן. דער רב האט זיך אויפגעחאפט ערציטערט און זיין מורא איז געוועזען אונגעהויער זעהענדיג דאס אונטער דעם אויווען פלאמט א פייער, ער איז ארונטער פון בעט און ווי ער איז צו געלאפען האט ער דערזעהען ווי דער בעל שם זיצט ביי א אפענעם זוהר און ארום איהם ברענט א פייער, ער איז געפאלען אין חלשות אויף דער ערד, דער בעל שם האט איהם אבגעמינטערט און איהם געזאגט, אז ער זאל שוין מעהר נישט קוקען ווי מ'דארף נישט, און מעהר נישט ריידען וואס מ'טאר נישט, און פון דאמאלס אן איז ער געווארען פון זיינע שארפע אנהענגער, און איז ארומגעפאהרען אין די זעלבע שטעדט אברופען זיינע פאריגע ווערטער.

איינמאל פאר פסח איז דער הייליגער בעל שם טוב געפאהרען מיט זיין טאכטער און ר' הירש סופר נאך קאנסטאנטינאפאל, ער האט דארט געדונגען א דירה און האט נישט געהאט מעהר קיין געלד ווי פאר די אכסניא צו בעצאהלען, און ווי זיין טאכטער האט איהם צו מארגענס ערב פסח געפרעגט וואס מ'וועט כהוען מ'מוז דאך קויפען ווין און מצות אויף פסח, האט ער איהר געענטפערט אז זי זאל האבען אמונה און בטחון אז דער אייבערשטער וועט זיי נישט פערלאזען, און ער איז מיט ר' הירש'ן געגאנגען אין בית המדרש אריין און האבען דעם גאנצען טאג געלערנט מיט גרויס התלהבות, פאר נאכט האט זיך אליהו הנביא פערשטעלט ווי א פוילישער איד און איז אריינגעקומען צום בעל שם טוב'ס טאכטער, און האט זי געפרעגט אויב ער וועט קענען האלטען פסח צוזאמען מיט'ן בעל שם, און ער האט איהר געזאגט אז ער האט אין דרויסען שטעהן א גרויסען קאסטען פול מיט מצות ווין פיש פלייש און נאך פערשידענע מאכלים וואס ס'וועט גענוג זיין פאר אלע, זי האט איהם ערקלעהרט אז איהר הייליגער פאטער וועט איהם דאס מיט פערגעניגען ערלויבען, הערענדיג דאס איז ער שנעל ארויסגעגאנגען און אריינגעבראכט דעם שווערען קאסטען פול מיט די בעסטע עסענווארג, און איז גלייך אוועקגעגאנגען צום בעל שם אין בית המדרש אריין, זי האט געעפענט דעם קאסטען און געדעקט דעם טיש אזוי ווי גאט האט געבאטען, נאך מעריב איז דער בעל שם מיט ר' הירש סופר און אליהו הנביא געקומען פון בית המדרש און האבען צוזאמען אבגעראכט דעם סדר מיט גרויס שמחה און פיעל התלהבות, און ווי זיי האבען דעם סדר געענדיגט איז דער אורח פלוצלינג פעכשוואונדען געווארען, און זיי האבען גלייך בעמערקט אז דאס איז געוועזען אליהו הנביא זכור לטוב.

איינמאל איז דער הייליגער בעל שם טוב געקומען שפעט אין רעד נאכט אין

אַ אידישע שטאָדט וואָס זי האָט געהערט צו איינעם פון די רייכסטע פריצים וואָס האָבען געהאַט כח צו טהוען מיט זייערע איינוואוינער ווי נאָך מיט זייערע קנעכט וואָס זיי ווילען, און ס'איז נישט אַוועקגעגאַנגען אַ וואָך וואָס זיי זאָלען נישט הייסען שמייסען, און אַרויסטרייבען פון שטאָדט. קרובען נאַקעט אויף די בוימער, און נאָך שענדליכע און גרויזאַמע מעשים וואָס זענען גאַנץ געװוינג בעקאַנט אין דער וועלט-געשיכטע. זייגער צוועלף ביי נאַכט ווי דער בעל שם איז געשטאַנען און געלערנט, האָט ער פלוצלינג דערהערט אַ יאָמערליך געוויין פון גאַס: „געהט אידען רחמנים בני רחמנים שנעל אין שוהל אַריין בעטען פאַר די קראַנקע, מיר זענען אַלע אין גרעסטען געפאַהר!" הערענדיג די ווערטער איז דער בעל שם שנעל אַרויסגעלאָפען אויפ'ן גאַס, און זעהענדיג אַז דער שטאָט-שמש האָט דאָס אַזוי געיאָמערט, האָט ער איהם געפרעגט וואָס דער געפאַהר איז און ווער איז דאָס די קראַנקע. ער האָט איהם ערצעהלט אַז די קראַנקע איז דעם פריץ'ס בת יחידה וואָס זי האַלט ביים אָבשטאַרבען, און דער אַנטוסעמיטישער גלח האָט דעם פריץ ערקלעהרט אַז אין די זינד פון די ושידעס געהט זיין טאָכטער אַוועק פון דער וועלט, דאַדורך האָט דער פריץ געזאָגט אַז אַזוי ווי זיין טאָכטער וועט שטאַרבען, וועט ער אַלע אידען אַרויסטרייבען פון שטאָדט און זייער פערמעגען צונעמען. דאַדורך בריבען אַלע אידען לויפען אין שוהל אַריין בעטען אַז די קראַנקע זאָל געזונד ווערען. הערענדיג דאָס האָט דער בעל שם גענומען אַ פעדער און געשריבען אַ פוילישען בריעף צום פריץ, ער האָט דעם בריעף געגעבען דעם שמש אַז ער זאָל שנעל לויפען צום פריץ און איהם דעם בריעף אָבגעבען. זיינע פוס זענען געוואָרען פלינק ווי אַ הירש און ער איז זעהר שנעל אָנגעקומען צום פריץ און איהם דעם בריעף געגעבען, ער האָט דעם בריעף געעפענט און געלעזען: „געעהרטער גראַף! הערענדיג אייערע טאָכטער'ס געפעהרליכע קראַנקהייט, בין איך געקומען מעלדען אַז גאָט וויל זי היילען דורך מיר, און איך ערוואַרט אייער ערלויבניש אַ הין צו קומען. אייער אונטערטאַהן, ישראל בן אליעזר". לעזענדיג דאָס איז דער פריץ זעהר בעראַשט געוואָרען, ער האָט געשיקט זיין קאַרעטע און מ'האָט דעם בעל שם אַהין געבראַכט, און ווי ער האָט געזעהען די קראַנקע, האָט ער זי געהייסען לייגען אויף די לינקע זייט אַז איהר רעכט אויער זאָל זיין אין דער הויך. אין איהר אָנזאָגען אַז זי זאָל זיך נישט דעם מינדעסטען רוהר געבען די גאַנצע צייט וואָס ער וועט נעבען איהר שטעהן, אויך זאָל ער מיט איהר אַליין בלייבען אין צימער. מ'האָט די קראַנקע געלייגט אויף די לינקע זייט און אַלע האָבען פערלאָזט דעם צימער אויסער דער פראָפעסאָר וואָס האָט זיך בעהאַלטען אונטער די שאַנק ווילענדיג זעהען וואָס ער וועט מיט איהר טהוען, נאָר דער בעל שם האָט דאָס גלייך בעמערקט און איהם אַרויסגעבעטען, נאָכדעם האָט דער בעל שם אין איהר רעכט אויער איינגערוימט אַ הייליגען שם און איז גלייך אַריינגעגאַנגען צום פריץ און איהם אָנגעזאָגט די גוטע בשורה אַז זיין טאָכטער איז שוין געהאָלפען געוואָרען, דער פריץ און זיינע בני בית זענען צו איהר שנעל אַריינגעלאָפען און האָבען זי געטראָפען שטעהן ביי'ם שפיגעל און פערקעמען זיך די האָר, זיי האָבען זיך מיט איהר צוקושט און געוויינט פון גרויס שמחה. דער פריץ אויך די טאָכטער האָבען בעדאַנקט דעם בעל שם און האָבען איהם געוואָלט געבען זעהר אַ גרויסען לוין, נאָר ער האָט נישט געוואָלט נעמען דאָס מינדעסטע, דער פריץ האָט איהם זיין האַנד געגעבען אַז זיינע אידישע איינוואוינער וועלען ביי

איהם זיין גליקליך, און ער וועט שוין מעהר נישט קיקען אויף די גלחים וואס דורך זייער קנאה אויף אידען בעגראבען זיי דעם אמת.

אין דער שטאדט סלוצק האט געוואוינט זעהר א גרויסער גביר וואס האט געשפאסט און געלאכט פון בעל שם מיט זיינע מופתים, און זיין ווייב איז איהם געוועזען דערגעגען און האט דעם בעל שם פערגעטערט, דער גביר האט געבויעט א נייע הויז און זי האט זיך נישט געוואלט דארט אריינצוציהען נאר אז דער בעל שם וועט זיין אויף דעם חנוכת הבית, און זעהענדיג איהר אונגעהויער עקשנות האט ער איהר געמוזט נאכגעבען און פערבעטען דעם בעל שם אויף דער שמחה. איינמאל האט זי געפרעגט דעם בעל שם ער זאל איהר זאגען אויב ס'וועט איהר שטענדיג אזוי גוט זיין, דער בעל שם האט איהר נישט געוואלט ענטפערן אויף דער פראגע, נאר זי האט איהם שטארק מפציר געוועזען אז ער זאל דאס פון איהר נישט פערהוילען, און ער האט איהר געזאגט, אז נאך צוויינצוואנציג יאהר וועט איהר גליק אזוי שיינען, נאך דעם וועט איהר גליק פלוצלינג פערשווינדען ווערען און איהר מאן וועט שטארבען אין תפיסה. הערענדיג דאס איז איהר קאלט געווארען אין אלע איהרע ביינער, איהר פנים איז גרין געווארען, איהר מאן האט זי אזוי לאנג געצווינגען זי זאל איהם זאגען פאר וואס זי זעהט אזוי שלעכט אויס, ביז זי האט איהם איבער־געגעבען דעם בעל שם'ס נביאות, ער איז געווארען דעם בעל שם'ס א בלוטיגער שונא און האט געזוכט א וועג זיך נוקם צו זיין אין איהם, דער בעל שם האט דאס בעמערקט און איז ביי נאכט אוועק פון שטאדט מיט ר'. הירש סופר און דורך קפיצת הדרך זענען זיי שנעל געקומען צו דער גרענעץ, דארט האט ער זיך אבגערוהט און געשריבען דעם גביר א בריעף: „די זאלסט וויסען אז איך האב געהאט פיעל עצות צו פערניכטען דיינע מיטלען נעגען מיר, נאר איך האב נישט געוואלט מצער זיין דיין ווייב, די קאנסט זיכער זיין אז דיין הצלחה וועט נאך האלטען צוויינצוואנציג יאהר, נאכדעם וועט דיין זינדיגע נשמה אויסגעהן אין תפיסה, דאדורך ראטה איך דיר אז די זאלסט זעהען צו קויפען פאר דיינע אויסגעהונגערטע נשמה א גייסטיג ערנעהרונג אויף יענע איביגע וועלט, זעה צו געבען צדקה, זעה צו עפנען דיין פער־מאכטע האנד פאר דיינע ארעמע ברידער, היט אב דאס אידישקייט, זיי פארזיכטיג מיט דיין מויל און רעד קיין שלעכטס נישט אויף די צדיקים וואס אויף זיי שטעהט די וועלט, ווייס און פערשטעה אז די וועלט איז נאר דער קאראדאר און יענע גייסטיגע וועלט איז די ריכטיגע זאאל, אפשר וועסט די נאך קענען ערוועקען אויף דיר דעם איבערשטענס ערבארעמקייט און ער וועט דיין ביטערע גזרה מבטל זיין, אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגען (ברכות י' ע"א), אז אויך ווען ס'ליגט א שארפע שווערד אויף דעם מענשענס האלז זאל ער זיך נישט מיאש זיין פון רחמים".

לעזענדיג דעם בריעף האט זיך דער שטאלצער גביר אויסגעלאכט און איהם צוריסען מיט א אונגעהויערן כעס. די צוויינצוואנציג יאהר איז ער געוועזען דער גרעסטער יועץ ביי'ם גראף ראדזיוויל און אהן זיין הסכמה האט ער קיין געשעפט נישט געשלאסען, און דאס האט ליידער זיינע אויגען פערבלענדעט, נישט צו זעהען דעם ריכטיגען וועג וואס פיהרט דעם מענש צום אמת'ן תכלית, און ווי ס'האבען זיך געענדיגט די צוויינצוואנציג יאהר, איז דער גראף אויף איהם פלוצלינג בייז געווארען, און מיט זיין שטרענגען בעפעהל האט מען איהם פערשפארט אין זעהר א ביטערע תפיסה, און נאך זיין לײדען נויט הונגער און דורשט איז ער דארט אין דער פינסטער

געשטארבען, אזוי ווי דער הייליגער בעל שם טוב האט אויף איהם מיט צוויאונ־צוואנציג יאהר צוריק נביאות געזאגט.

דער בעל שם איז וואס א מאל געקומען העכער אין די חכמת הקבלה, בין ער האט געקענט זיין א רואה ואינו נראה, דאס הייסט ער האט יענעם יא געזעהען און יענער האט איהם נישט געזעהען, און ווען ער איז געוועזען אין א סכנה האט ער זיך מיט דעם גערעטעט. אזוי ווי די וועלט ערצעהלט אז איינמאל איז אויף איהם דער פריץ אזוי בייז געווארען אז ער האט געזוכט א געלעגענהייד איהם צו שיסען. איינמאל איז דער בעל שם געשטאנען מיט'ן שרייבער פון הויף און געשמועסט, איז אנגעקומען דער פריץ, ווי דער בעל שם האט זיך געזעגענד מיט'ן שרייבער און אוועקגעגאנגען, האט דער פריץ געפרעגט דעם שרייבער אויב ער האט נישט געזעהען דעם בעל שם, דער שרייבער האט דעם פריץ געענטפערט אז דער בעל שם איז דאך אט איצט געשטאנען דא פאר זיינע אויגען, הערענדיג דאס איז דער פריץ ערשטוינט געבליבען און געזאגט דעם שרייבער אז ער איז איצט מודה אז דער בעל שם איז א געטליכער מאן, א רואה ואינו נראה, און האט איהם אהיים געשיקט זעהר א טייערע מתנה.

איידער דער בעל שם איז נתגלה געווארען, האט מען איהם געהאלטען פאר א עם הארץ, ווייל ער האט נישט געהאלטען פון דעם כבוד המדומה און האט נישט געוואלט ווייזען זיין לומדות. ער איז א מאל געקומען צו זיין שוואגער ר' אברהם גרשון חול המועד פסח אין דער פריה, און זיי זענען צוזאמען געגאנגען אין בית המדרש אריין דאווינען, דער בעל שם איז דארט געוועזען דער איינציגער מענש וואס האט געדאווינט אהן תפילין, זיין שוואגער האט איהם געפרעגט פאר וואס ער פיהרט זיך נישט ווי אלע דארטיגע אידען וואס דאווינען אין תפילין, אויף דעם האט איהם דער בעל שם געענטפערט בתמימות, אז ער האט געזעהען אין א זשארגאניש ספר, אז דער וואס לייגט תפילין אין חול המועד איז חייב מיתה, זיין שוואגער האט איהם צוריק געענטפערט אז אזוי פיעל גאונים און רבנים לייגען חול המועד תפילין און זיי זענען נישט חייב מיתה, דער בעל שם האט אויף זיינע ווערטער נישט געקוקט און די תפילין נישט געוואלט אנטהוען, דער שוואגער האט ערצעהלט דעם דארטיגען רב אז זיין שוואגער איז באמת זעהר א פרומער, נאר דער פעהלער איז וואס ער קאן נישט לערנען און ווייסט נישט ווי אזוי זיין פרומקייט ארויסצוגעבען, ער האט דעם רב געבעטען אז ער זאל איהם שיקען רופען צו זיך א היים און איהם ערקלערען אז מ'ברויכט חול המועד יא תפילין לייגען, דאמאלס וועט ער איהם געוויס הארכען. דער רב האט איהם דאס צוליעב געטהון און האט געלאזט רופען דעם בעל שם צו זיך א היים, און זיין שוואגער האט אויך דארט געווארט אויף איהם און האט געוואלט וויסען אויב ער וועט דעם רב זיין געהארכזאם. און אזוי ווי דער בעל שם איז אריינגעקומען און דער רב האט אויף איהם זיין ערשטען בליק געגעבען, האט זיך דער רב פאר איהם אויפגעשטעלט מיט גרויס דרך ארץ זאגענדיג זעהר ערשטוינט אז ער זעהט ווי א גרויס הערליך פייער שיינט אויף זיין קאפ, דער בעל שם האט א שאקעל געגעבען מיט זיינע ליפען איז דאס הערליכע פייער פערשווינדען געווארען, אויך ווען דאס פייער האט אויפ'ן בעל שם'ס קאפ געשיינט האט דאס זיין שוואגער די זכיה נישט געהאט צו זעהען, ווייל ס'איז נאך נישט געוועזען די ריכטיגע צייט ער זאל נתגלה ווערען. דער שוואגער האט דעם

רב ערצעהלט אז דער בעל שם לייגט חול המועד קיין תפילין נישט און ער פיהרט זיך אנדערש ווי די גאנצע וועלט פיהרט זיך. דער רב האט דעם בעל שם אריינגערופען אין א בעזונדער חדר, און ער האט איהם דארט היילינג בעשוואוירען אז ער זאל איהם ריכטיג ערקלעהרען וואס איז דאס הערליכע פייער וואס האט אויף זיין קאפ געשיינט, ער האט דעם רב מגלה געוועזען אז ער לערנט בענוי יעדע נאכט סתרי תורה ביי אחיה השלוני אויך האט ער גלוי אליהו, נאר דער אין הימעל איז נאך נישט מסכים ער זאל ענטדעקען זיין גרויסקייט פאר די וועלט, דער בעל שם האט דאדורך גוזר געוועזען אויפ'ן רב אז ער זאל דאס אלעס האלטען בסוד. דער רב איז מיט'ן בעל שם צוריק אריינגעגאנגען צו זיין שוואגער, און דער רב האט דעם שוואגער געזאגט אז דער בעל שם איז באמת א פרומער איד, דאדורך זאל מען איהם זיך לאזען ווייטער פיהרען ווי ער פיהרט זיך.

איינמאל איז דער היילינער בעל שם געקומען צום ארענדאטאר וואס האט געוואוינט אונטער די לומדישע שטאדט בראד, דער ארענדאטאר האט זיך מיט איהם זעהר משמח געוועזען, און טראץ דעם וואס ער האט פאר איהם געמאכט זעהר א טייערע סעודה, האט ער איהם אויך געגעבען א היבשען פדיון. דער בעל שם האט איהם געזאגט אז דאמאלס איז א עת רצון און ער זאל איהם זאגען וואס ער פערלאנגט וועט ער איהם טהוען, דער ארענדאטאר האט זיך בעדאנקט און איהם געענטפערט אז ס'פעהלט איהם קיין זאך נישט און ער פערלאנגט פון איהם קיין טובה נישט. דער בעל שם האט איהם געפרעגט אויב ער קומט אפט נאך בראד, און ער האט איהם ערצעהלט אז יעדע וואך פאהרט ער צוויי מאל אריין אין שטאדט איינקויפען אלץ וואס ער געברויכט אין זיין קרעטשמע. הערענדיג דאס האט איהם דער בעל שם געגעבען א פערמאכטען בריעף און איהם געבעטען אז ווען ער וועט זיין אין בראד זאל ער אבגעבען דעם בריעף די מענשען וואס שטעהען אויפגעשריבען אויפ'ן קאנווערט, און ווען ער וועט פערגעסען דאמאלס דעם בריעף צו בעזארגען, קאן ער איהם אפילו אין צוואנציג יאהר ארום אבגעבען, דער ארענדאטאר האט געמיינט אז דער בעל שם שפאסט פון איהם. האט ער איהם געענטפערט אז דאס וועט אפילו צוואנציג שעה אויך נישט דויערען, און ער פאהרט צוליעב דעם בריעף גלייך אין שטאדט אריין, דער בעל שם האט געשמייכעלט זעהענדיג ווי דער ארענדאטאר בעהאלט דעם בריעף אין זיין ביזעם, און ער האט איהם געפרעגט אויב ער וועט איהם א ביסעל בעגלייטען, דער ארענדאטאר האט געענטפערט אז ער וועט איהם געוויס בעגלייטען, און ווי ער האט זיך איינגעבויגען ארויסצונעמען א חפץ פון קאסטען, איז איהם דער בריעף ארויסגעפאלען פון ביזעם און איז אריינגעפאלען אין דעם קאסטען און ער האט דאס נישט בעמערקט און האט צוריק פערמאכט דעם קאסטען. ער האט דעם בעל שם בעגלייט א גאנצען תחום שבת, און איז צוריק צו זיך א היים געגאנגען און ער האט גענצליך אין דעם בריעף פערגעסען. יעדעס יאהר פלעגט ער פאהרען צום בעל שם ביז ער איז נסתלק געווארען און ער האט איהם פון דעם בריעף נישט דערמאנט. אזוי זענען אוועקגעגאנגען צוואנציג יאהר פון דער צייט וואס דער בעל שם טוב האט איהם דעם בריעף געגעבען, און ווי דער ארענדאטאר איז נאך די צוואנציג יאהר פעראָרעמט געווארען, האט ער זיך צייט גענומען צו פאהרען אויפ'ן בעל שם'ס קבר און דארט מתפלל זיין אויף הצלחה, און ווי ער האט געעפענט זיין אלטען קאסטען און האט אנגעהויבען ארויסנעמען די

אַכן, האָט ער געפינען דעם בעל שם'ס צוואַנציג יעהריגער בריעף, און ער האָט זיך דערמאַנט וואָס ער האָט איהם דאַמאָלס געזאָגט, אַז אפילו נאָך צוואַנציג יאָהר קען ער דעם בריעף אויך בעזאָרגען נאָך בראָד, ער איז גלייך מיט דעם בריעף אוועקגעפאָהרען נאָך בראָד אויפזוכען די פרנסי החודש וואָס דער בריעף איז צו זיי אדרעסירט, מ'האָט איהם דאָרט געזאָגט אַז די איצט הײַנט האָט מען די פרנסי־החודש אויסגעקליבען, און זיי זענען נאָך יונגעלײַט, ער איז גלייך אַרײַן אין קהל'ס־שטוב און האָט דעם בריעף איבערגעגעבען די צוויי יונגע פרנסי־החודש וואָס זענען דאָרט געזיצען, זיי האָבען דעם בריעף געעפענט און פון איהם געלעזען: „איך שרייב אייך נײַע פרנסי־החודש (ס'איז אויך געשטאַנען זייערע נעהמען) דאָס אַזוי ווי דער אָרענדאַטאָר איז אַ מאָל געוועזען זעהר רייך און האָט געגעבען פיעל צדקה, בעט איך אייך איהר זאָלט איהם שטעהן צו הילף און איהם אַרויסרעטען פון זיין נויט. איך פערשטעה דאָס איהר וועט נישט גלייבען אַז איך ישראל בעל שם טוב האָב דעם בריעף געשריבען, דאַדורך גיב איך אייך אויף דעם אַ ריכטיגען צייכען, אַז אַזוי ווי איהר וועט ענדיגען לעזען דעם בריעף, וועט צו אייך אין קהל'ס־שטוב אַרײַן קומען צוויי שלוחים זאָגען מזל טוב דאָס ר' נחמן האָט געבוירען אַ זוהן און ר' פנחס האָט געבוירען אַ טאָכטער". אַזוי ווי זיי האָבען איבערגעלעזען דעם בריעף זענען אַרײַנגעקומען צוויי שלוחים מיט די בשורות. זעהר אַ אונגעהוירען רושם האָט דער בריעף געמאַכט אין שטאָדט, און ס'איז פאַר דעם אָרענדאַטאָר געפאַלען זעהר פיעל נדבות דאָס ער איז צוריק רייך געוואָרען, אויך פאַר דעם בריעף אַליין האָט אַ בראָדער גביר בעצאָהלט זעהר פיעל געלד.

אַ מאָל האָט דער הייליגער בעל שם טוב געמוסט נעכטיגען מיט זײַנע תלמידים אין אַ וואַלד. און זעהענדיג זייער הונגער האָט ער זיי געטרייסט אַז פאַר דעם וועלען זיי שוין מאָרגען האָבען אַ סעודה מיט די בעסטע מאכלים, ער איז מיט זיי מאָרגען אַרײַנגעקומען אין אַ גרויסע שטאָדט און זענען אַרײַן אין אַ גרויסע אַכסניא, און גראַדע דאַמאָלס איז צום דעם בעל הבית פון דער אַכסניא געקומען צו פאָהרען אַ גרויסער גאַסט, זײַנס אַ פעטער אַ רב אין אַ ווײַטע שטאָדט, וואָס זיי האָבען זיך צוועלף יאָהר נישט געזעהען, און צוליעב איהם האָט ער געמאַכט זעהר אַ טײַערע סעודה. אין דער פריה ווען אַלע האָבען שוין געהאַט אָבגעדאַווינט איז נאָך דער בעל שם געשטאַנען און געדאַווינט מיט גרויס התלהבות. אַז ער האָט דעם רב אויפמערקזאַם געמאַכט צו פרעגען אויף איהם, און הערענדיג אַז דאָס איז דער בעל שם טוב האָט ער אַ מאַך געטהון מיט זײַן האַנד אַז ס'איז נישט כדאי פון איהם צו רײַדען, און דער בעל הבית האַלטענדיג זײַן פעטער פאַר אַ גרויסען גאון און אַ אמת'ען צדיק, האָט איהם דאָס אויך געגלייבט, און האָט דעם בעל שם נישט פערבעטען צום טיש. ווי דער בעל שם האָט געענדיגט דאָס דאַווינען, האָט ער געזאָגט דעם רב אַז ער ווייסט דאָס אַזוי ווי דער רב וויל מכוון זיין אין קריאת־שמע, זעהט ער דאַמאָלס ווי אַ גייסטליכער שוועבט פאַר זײַנע אויגען, און ווי דער רב האָט זיך געפרובט דאָס אָבלייקענען, האָט איהם דער בעל שם געזאָגט אַז ער ווייסט דאָס ער האָט בעשלאָסען צו פאַסטען אויף דעם, נאָר דאָס וועט אים דאָס מינדעסטע נישט העלפען. הערענדיג דאָס האָט דער רב אָנגעהויבען וויינען און בעטען דעם בעל שם אַז ער זאָל איהם געבען אַ סגולה אַז דאָס בילד זאָל איהם שוין מעהר נישט מבלבל זיין ביי'ם דאַווינען. דער בעל שם האָט איהם געזאָגט אַז אַזוי ווי דאָס בילד וועט זיך צו איהם נאָך אַ מאָל

בעוויזען, זאָל ער צום בילד זעהר דרייסט זאָגען, אז רבי ישראל בעל שם טוב האָט איהם געהייסען פערשווינדען ווערען און צו איהם זיך מעהר ניטט בעוויזען, און פאַר דעם האָט ער פון דעם רב פערלאַנגט אַז ער זאָל זיך שוין מעהר ניטט ערלויבען מבטל צו זיין די ניטע־אידען. מאָרגען ביי קריאת־שמע זאָגען האָט זיך דאָס בילד ווידער בעוויזען צום רב, און ווי ער האָט נאָר דערמאָנט דעם בעל שם'ס נאָהמען, איז דאָס בילד אויגענבליקליך פערשווינדען געוואָרען און ער האָט עס שוין מעהר ניטט געזעהען, ווי דער בעל הבית האָט דאָס געהערט, האָט ער דעם בעל שם מיט זיינע תלמידים פערבעטען צו די סעודה, און זיי האָבען איהם אָנגעהויבען צו פערהייליגען.

אין דער שטאָדט מעזיבוז האָט געוואוינט זעהר אַ רייכער סוחר וואָס פלעגט לאַכען פון בעל שם טוב מיט זיינע מופתים. זיין זוהן איז יערעס יאָהר געפאָהרען נאָך ברעסלוי מאַכען גרויסע געשעפטען און זיך זומען דריי פיער וואָכען. איינמאָל האָט זיך געמאַכט דאָס ער האָט זיך געזוימט אויף די רייזע העכער צעהן וואָכען, און זיי האָבען פון איהם קיין בריעף ניטט ערהאַלטען. דער צ״ר אין שטוב איז געוועזען ניטט צום אויסהאַלטען. די מוטער האָט איהר מאַן געצווינגען אַז ער זאָל אַוועקלייגען זיין עקשנות און פרעגען דעם בעל שם וואָס וואוינט אויך אין מעזיבוז וואָס ס'איז מיט איהר זוהן געשעהען, איהם האָט דאָס זעהר ניטט געשמעקט און האָט דאָס נאָר זיין ווייב צוליעב געטהון און איז אַריינגעגאַנגען צום בעל שם און האָט איהם ערצעהלט פון זיין זוהנ'ס רייזע. דער בעל שם האָט געעפענט דעם הייליגען זוהר און האָט אַ ווײַלע אין איהם פערטיעפט זיינע געדאַנקען, נאָכדעם האָט ער געזאָגט צו איהם אַז זיין זוהן זיצט איצט אויף דער פוהר און פאָהרט אַריין אין דעם און דעם דאָרף און ער וועט זינטאָג זייגער צוועלף זיין אין דער היים אָהן דעם מינדעסטען מכשול. דער סוחר איז אַהיים געקומען און זיין ווייב בערוהיגט מיט דעם בעל שם'ס ענטפער, נאָר זיין מתנגד'יש הערץ האָט איהם ניטט געלאָזט גלויבען אין די נבואה, נאָר ווי זיין זוהן איז זונטאָג זייגער צוועלף אַריינגעקומען אין שטוב, און ער האָט איהם ערצעהלט אַז ער איז ווירקליך דאַמאָלס אַריינגעפאָהרען אין יענעם דאָרף, האָט ער אָנגעהויבען מודה זיין אַז די וועלט איז ניטט משוגע און דער בעל שם איז טאַקי אַ געטליכער מאַן, און איז אין דעם שבת געגאַנגען צום בעל שם'ס טיש און האָט איהם געהערט זאָגען תורה, אַז די הייליגע חכמים זאָגען (חגיגה י״ב ע״א), אַז מיט די גרויסע ליכט וואָס גאָט האָט בעשאַפען אין די ערשטע זעקס טעג. האָט דער מענש געקענט זעהען פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען עק וועלט, נאָר ווי אָדם הראשון האָט געזינדיגט האָט ער די ליכט בעהאַלטען פאַר די צדיקים לעתיד לבוא. און דאָס אָרט ווי די גרויסע ליכט איז בעהאַלטען געוואָרען איז די תורה, און דער וואָס פערשטעהט ווי אַזוי אָבצוהיטען די תורה דער געפונט אין איהר די בעהאַלטענע ליכט און זעהט וואָס אויף דער גאַנצע וועלט טהוט זיך.

איידער דער בעל שם טוב איז נתגלה געוואָרען האָט ער זעהר אַ לאַנגע צייט געלעבט אין זעהר אַ שרעקליך דחקות רחמנא ליצלן, ער איז געגאַנגען אין אַלטע צורוסענע קליידער, מען האָט בענוי די פינגער אַרויסגעזעהען דורך זיינע געלעכערטע שוך, און ווי ער איז אַלט געוואָרען זעקסאונדרייסיג יאָהר, האָט מען איהם דאַמאָלס פון הימעל מגלה געוועזען אַז ס'איז שוין געקומען די ריכטיגע צייט אַז ער

זאָל ווערען אויס נסתר. אין דעם זעלבען טאָג איז צו איהם געקומען נעכטיגען זיין שוואָגער ר׳ אַברהם גרשון׳ס אַ תלמיד, ער האָט דעם תלמיד געבעטען אַז ער זאָל בּיי איהם שבת האַלטען, נאָר ער האָט איהם נעענטפערט אַז ער מוז פריהר שבת אוועקפאָהרען, דער בעל שם האָט איהם געזאָגט אַז איהם דאַכט זיך נאָר אַז ער מוז פאָהרען, און ער ווייסט אַז ער מוז דאָרט פערבלייבען אויף שבת, אַזוי ווי דער בעל שם טוב ענדיגט די ווערטער, קומט אַריין דער קוטשער פון די קאַרעטע וואָס דער תלמיד איז מיט איהר געקומען צו פאָהרען, און זאָגט דעם תלמיד אַז דאָס פערד איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרען, ס׳ליגט די גאַנצע צייט אויף די ערד און ס׳ווילט נישט עסען און טרונקען, דער תלמיד האָט פון דעם געהאַט גרויס עגמת נפש, ווייל זיין רבי ר׳ אַברהם גרשון האָט איהם געשיקט מיט די קאַרעטע ער זאָל איהם פערעבטען זעהר אַ נויטיגע זאַך, דער בעל שם האָט איהם בערוהיגט אַז ער איז איהם מבטיח אַז דאָס פערד וועט געזונד ווערען און ער וועט די זאַך זינטאָג אויך קענען פערריכטען און ער וועט גאָרנישט פערשפּעטיגען. דער תלמיד איז שוין דאָרט געבליבען און האָט בּיי׳ם בעל שם געהאַלטען שבת, און ווי דער בעל שם האָט בּיי שלש סעודות געזאָגט זיינע תורות האָט ער געזעהען ווי די שכינה שיינט אויף זיין קאָפּ, דער תלמיד איז פון דעם זעהר בעראַשט געוואָרען, דער בעל שם האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל זיין שוואָגער גאָרנישט ערצעהלען וואָס ער האָט בּיי איהם געזעהען, נאָר ווען ער וועט זיין אין בראָד ערלויבט ער איהם צו ערצעהלען די גרויסע חסידים וואָס שפּיעלען דאָרט אַ גרויסע ראָליע, אַז אַרום בראָד שיינט אַ גרויסע ליכט, און ס׳איז שוין צייט אַז די ליכט זאָל שיינען אין שטאָדט. ווי דער תלמיד איז זינטאָג אַריין אין בראָד, האָט ער די דאָרטיגע חסידים איבערגעגעבען דעם בעל שם׳ס ווערטער, און ער האָט זיי ערצעהלט וואָס ער האָט דאָרט געזעהען. די חסידים האָבען זיך צוזאַמען גענומען און ווי זיי האָבען אָנגעהויבען געהן אין דאָרף אַריין, איז זיי דער בעל שם אַקעגען געפאָהרען און זיי האָבען זיך אין מיטען וועג געטראָפען, זיי האָבען פון די צווייגען געפלאָכטען אַ שטוהל און האָבען דעם בעל שם אויף איהר אַרויפגעזעצט און איהם אַזוי אַריינגעטראָגען אין שטאָדט מיט אַ הייליג התלהבות, און איהם דאָרט געקרוינט אַלס רבי.

דער גרויסער למדן ר׳ אפרים קיטאָווער דער פאָטער פון ר׳ אַברהם גרשון בראָדער האָט געהאַט אַ געלד־סכסוך מיט אַ מלוסטער איד, און זיי האָבען געהאַלטען אַ דין תורה בּיי דעם בעל שם וואָס ער איז דאָרט געוועזען מלמד, און ר׳ אפרים האָט געהערט דעם קלוגען פּסק וואָס דער בעל שם האָט אַרויסגעגעבען האָט ער איהם בעוואונדערט, און רייערענדיג מיט איהם אין לערנען אויך אין פערשידענע וועלט־זאַכען האָט ער איהם אָנגעהויבען צו שעצען, און ווייסענדיג אַז ער איז אַ אַלמן האָט ער איהם אָנגעשלאָגען זיין טאָכטער די גרושה פאַר אַ ווייב, דער בעל שם האָט איינגעווילינגט אויף דעם שדוך, נאָר ער האָט מיט איהם אויסגערעדט אַז ביז די חתונה זאָל פון דעם קיינער נישט וויסען, זיי האָבען געשריבען תנאים, ר׳ אפרים האָט צו זיך גענומען איין תנאים און דער בעל שם די צווייטע תנאים, ר׳ אפרים האָט זיך געזעגענד און איז אַהיים געפאָהרען, זייענדיג אין מיטען וועג איז ער געשטאָרבען, שפּעטער האָט ר׳ אַברהם גרשון געפונען די תנאים צווישען זיין פאָטערס פּאַפּירען, און אַזוי ווי ער האָט פון בעל שם נישט געוויסט, האָט ער זיך זעהר געוואונדערט ווי פאַלט זיין פאָטער אויס צו שליסען אַ שדוך אָהן זיין

מאכטערם ידיעה, ער האט דאס ערצעהלט זיין שוועסטער, און ס'איז ביי זיי געבליבען צו שווייגען ביז דער חתן וועט קומען אבשמועסען דעם זמן חתונה. און ווי דער בעל שם האט אבגעקנעלט דעם זמן איז ער גלייך געקומען נאך בראד, געקליידעט אין א פראסט מלבוש ארומגעבונדען מיט א דארפס גארטעל און איז אזוי אריין צום רב ר' אברהם גרשון, ער האט געמיינט דאס ער איז געקומען בעטען א נדבה, ווי ערשטוינט איז ער געווארען ווען דער בעל שם האט ארויסגענומען די תנאים און זיי איהם געוויזען אויף פערלאנגט צו מאכען די חתונה. ס'איז זיך נישט פארצושטעלען דעם רב'ס יסורים זעהענדיג ווער זיין שוואגער וועט זיין. ער האט גערופען זיין שוועסטער און פאר איהר אבגעשילדערט דעם חתן מיט די שמוציגסטע פארבען, און איהר ערקלעהרט זיין מיינונג אבצולאזען דעם שדוך, נאר זי האט איהם ערקלעהרט אז זי וויל נישט ענדערן איהר זעעליגען פאטערס אבמאך, הערענדיג דאס האבען זיי בעשטומט א טאג צו מאכען די חתונה. דער בעל שם האט פאר די חתונה מיט איהר אליין גערעדט און איהר מגלה געוועזען דעם סוד אז ער איז באמת מעהר למדן פאר איהר ברודער, און איז אויך א גרויסער מקובל, נאר דער אין הימעל הייסט איהם נאך נישט נתגלה ווערען אויף דער וועלט און ארויסווייזען זיין גדלות, דאדורך האט ער זי הייליג בעשווארען אז זי זאל דאס קיינעם נישט ערצעהלען. זי האט איהם געבעטען מ'זאל דאס ערקלעהרען איהר איינציגען ברודער וואס ער איז זיך זעהר מצער וואס ער קריגט א שוואגער א עם הארץ, נאר דער בעל שם האט איהר דאס נישט ערלויבט. נאך די חתונה האט דער שוואגער געבעטען דעם בעל שם ער זאל ביי איהם לערנען און ווי ווייט ס'איז מעגליך וועט ער איהם מאכען פאר אוים עם הארץ, נאר דער בעל שם האט איהם דאס אבגעזאגט. דער רב איז אויף איהם זעהר בייז געווארען און האט צו זיין שוועסטער זעהר שטרענג געזאגט, אז ווען זי וויל זיך נישט גט'ן מיט דעם עם הארץ זאל זי מיט איהם ארויספאהרען פון שטאדט ווייל ער האט פון דעם גרוים חרפה און בושה, און הערענדיג איהר ענטפער אז ס'איז איהר ליעבער צו פערלאזען די שטאדט ווי צו ווערען א גרושה דאס צווייטע מאל, האט ער איהר געקויפט א פערד מיט א וואגען און זיי זענען ביידע ארויסגעפאהרען פון בראד און זיך בעזעצט אין דעם דארף וואס איז צווישען די שטעדטליך קאסאווע און קוטאוו, זי איז געזיצען אין דעם דארף און ער איז ארומגעגאנגען צווישען די הויכע בערג נישט ווייט פון דארף, ער פלעגט אויף זיין וואגען נעמען ליים און עם אריינפיהרען אין שטאדט פערקויפען, און פון דעם קליינעם פערדינסט האט ער געקויפט א ביסעל מעהל, ער האט עס אליין געקנעטען און עס געלייגט צו די זונן ביז ס'האט זיך אויסגעטריקענט און זיך מיט דעם ערנעהרט, און זי האט דאס מקבל געוועזען באהבה, וויסענדיג אז אזוי איז דער רצון פון אייבערשטען.

איינמאל איז צום בעל שם געקומען א ארעמער איד און איהם געבעטען ער זאל איהם געבען געלד צופערדינען, דער בעל שם האט אבער געזעהען ווי אונטער איהם געהט דער מלאך המות רחמנא ליצלן, און האט צו דעם ארעמאן געזאגט, אז ער זאל אהיים געהן און תשובה טהוען אויף אלע זיינע שלעכטע מעשים. הערענדיג דאס האט איהם דער ארעמאן חושד געוועזען אז ער איז אויף איהם בייז ווייל ער גיעט איהם קיין פריון נישט, און ער האט איהם טאקי געוואלט געבען א פדיון, נאר דער בעל שם האט פון איהם נישט געוואלט נעמען, און האט איהם

נאָך אַ מאָל געזאָגט דאָס זעלבּע אַז עֶר זאָל בּעסער זוכען די וועגען פון תשובה און רייניגען זיין בּעשמוצטע נשמה. ווי עֶר איז אַרויסגעגאנגען פון שטוב האָט דער בעל שם אַ שווערען זיפץ געגעבען זאָגענדיג: „פערנאַרטע מענשען, מאָרגען געהען זיי שטאַרבּען און היינט זוכען זיי געלד־פערדיענסטען”. און ווי דער אָרעמאַן איז צו זיך אַהיים געקומען האָט עֶר נאָך אויסגעזאָגט וידוי צו זאָגען און איז געשטאָרבּען, אַזוי ווי דער בּעל שם טוב האָט פאָראויס געזעהען.

איינמאָל איז דער בּעל שם טוב געוועזען מוהל אויף אַ בּרית, און עֶר האָט זעהר שטרענג אָנגעזאָגט די מוטער אַז מ'זאָל דאָס קינד נישט אַריבּערטראָגען אִיבּער אַ גרעבּעלע ווייל ס'וועט דורך דעם קרוגען אַ הויקער. ס'איז אַוועקגעגאנגען אַ לאַנגע צייט זענען דעם קינדס עלטערען געפאָהרען אויף אַ חתונה און זיי זענען געוועזען אַזוי בּעשעפטיג אַז זיי האָבּען פערגעסען דאָס וואָס דער בּעל שם האָט זיי געוואָרענט, און האָבּען דאָס קינד אַריבּערגענומען אִיבּער אַ גרעבּעלע, און ס'האָט אָנגעהויבּען דעם קינד צו וואַקסען אַ הויקער, זיי זענען שנעל געפאָהרען צום בּעל שם און האָבּען פאַר אִיהם יאָמערליך געוויינט אַז דורך זייער אונפאָרזיכטיגקייט ווערט זייער קינד אַ בּעל מום, דער בּעל שם האָט זיי געהייסען מיט דעם קינד פאָהרען אויף דעם קבר פון אחיה השילוני און דאָרט זאָגען אַז זיין תלמיד פון מעזיבּוז בּעט אִיהם פאַר דעם קינדס געזונד, זיי האָבּען מיט'ן קינד געמאַכט די ווייטע נסיעת און דאָס קינד איז געהיילט געוואָרען.

אין בּעל שם'ס צייט האָט די וועלט געקלינגען מיט'ן גרויסען מקובל וואָס האָט זיך גערופען ר' אָדם, דער מקובל האָט אַמאָל געפונען אַלטע הייליגע כּתבים אין אַ הייל, און דורך זיי האָט עֶר אָפט געוויזען אונגעהויערע מופתים, עֶר פלעגט דורך די חכמת הקבלה אויפבּויען וואונדערשענע פּאַלאַצען, און מאַכען די שענסטע בּעלער פאַר די גרעסטע הויכגעשטעלטע, נאָכדעם האָט עֶר געזאָגט אַ וואָרט און די פּאַלאַצען זענען אַריין אין דער ערד. אויך פלעגט עֶר פאַר זיי מאַכען די שענסטע קליידער בּדרך נס, און נאָך פיעל פערשיעדענע מופתים. פאַר זיין טויט האָט מען אִיהם מודיע געוועזען אין חלום, אַז עֶר זאָל די הייליגע כּתבים אִיבּערגעבּען אין די הענד פון דעם ר' ישׂראל בּן ר' אֶליעזר וואָס געפונט זיך אין דעם קליינעם שטעדטעל אוקופּ. עֶר האָט דאָס אָנגעזאָגט זיין בּן יחיד אַז גלייך נאָך זיין פּטירה זאָל עֶר פאָהרען נאָך אוקופּ און געבּען די כּתבים דעם דאָרטיגען איינוואוינער רבּי ישׂראל בּן ר' אֶליעזר, אויך האָט עֶר אִיהם פאַר'ן טויט געזאָגט, אַז ס'וואָלט זעהר גלייך געוועזען אַז עֶר זאָל טאַקי דאָרט לערנען בּיי דעם ר' ישׂראל'ן, און ווי דער ר' אָדם איז נפטר געוואָרען איז זיין זוהן גלייך אַוועק נאָך אוקופּ, עֶר איז דאָרט אַריין צום פּרנס און האָט אִיהם ערצעהלט אַז זיין הייליגער פאָטער האָט אִיהם פאַר זיין טויט שטרענג אָנגעזאָגט, אַז עֶר זאָל חתונה האָבּען נאָר פון די שטאָדט אוקופּ, און דער פּרנס האָט שנעל געזעהען פאַר אִיהם אַ שדוך מיט אַ רייכען בּעל הבּית טאָכטער. נאָך די חתונה האָט עֶר טאָג און נאַכט אַרומגעזוכט דעם ר' ישׂראל בּן ר' אֶליעזר אָבּצוגעבּען אִיהם די הייליגע כּתבים, און עֶר האָט נישט געפונען אַזוי אַ נאָמען אויסער אַ פערצעהניעהריגען בּחור אַ שמש אין בּית המדרש. דער יונגערמאַן איז אָפט געזיצען דאָרט אין דעם בּית המדרש און זעהען וואָס דער בּחור טוט, איינ־מאָל בּיי נאַכט האָט עֶר פון ווייטען געזעהען ווי דער בּחור זיצט זיך זעהר בּענקי־

מעדט אין בית המדרש ביז ער איז אזוי איינגעשלאָפען, דער יונגערמאַן האָט גענומען אַיין קונטרס פון די כתבים און האָט איהם נעבען דעם בחור אַניעדערגעלײגט אויפ'ן טיש און זיך צוריק געזעצט פון ווײַטען זעהען וואָס ער וועט מיט דעם טוהען, דער בעל שם האָט זיך אויפגעחאַפּט און ווי ער האָט אַריינגעקוקט אין דעם קונטרס האָט ער אָנגעהויבען ציטערען און דעם קונטרס געקושט און איהם בעהאַלטען אין בוזעם, אזוי האָט דער יונגערמאַן געטוהען איינינע נעכט, ביז ער האָט דעם בעל שם אַלץ ערצעהלט און איהם איבערגעגעבען אַלע כתבים, אויך האָט ער איהם ערצעהלט אַז זײַן פאָטער האָט איהם געהייסען ביי איהם לערנען. דער בעל שם האָט אויף דעם איינגעווילינט מיט דעם בעדונג אַז קיינער זאָל פון דעם נישט וויסען, און אַז דאָס זאָל בלײַבען בסוד האָט ער איהם געהייסען האַלטען אַלס משרת, כדי ס'זאָל קיינעם נישט איינפאַלען אַרײַנצוקלערען אין דעם. דער יונגערמאַן האָט געבעטען זײַן רײַכען שווער און ער האָט פאַר איהם אויפגעבויעט אַ שטיבעל אין וואַלד, און זיי ביידע האָבען דאָרט געלערענט זעהר פיעל קבלה-מעשיות. ביי'ם ערשטען נסיון פון קבלה-מעשיות איז געוואָרען אַ אונגעהויערע שרפה, און פון צווייטען נסיון איז דער יונגערמאַן אומגעקומען ווײַל ער איז נאָך נישט ראווי געוועזען צו דעם למוד, און ווי דער בעל שם איז דאָרט איבערגעבליבען עלענד, האָט ער געמוזט פון דאָרט אַרויספאָהרען זוכען פרנסה, און ער איז געוואָרען מלמד אין דעם קליינעם שטעדטעל טלוסט וואָס איז אונטער בראָד.

די מענשען וואָס פלעגען קומען הערען דעם הייליגען בעל שם'ס חדושים אין דער תורה, פלעגען נאָכדעם אַרומשפּאַצירען אין דעם וואַלד וואָס איז אונטער דער שטאָדט און דאָרט איבערשמועסען די חדושים און אַרויסברענגען די טיעפע מיינונגען וואָס ליגען אין זיי בעהאַלטען, איינמאָל דעם ערשטען טאָג ראש השנה האָט דער בעל שם געזאָגט זעהר אַ פייערדיגע תורה אין די תפלה וואָס מ'זאָגט אין שמונה עשרה תקע בשופר גדול לחרותנו, און ווי ער האָט זיך נאָכדעם פערשלאָסען אין זײַן חדר, זענען די חסידים אַוועק געגאַנגען אונטער דער שטאָדט איבערשמועסען די תורה און ענטדעקען זײַנע טיעפע געדאַנקען, און ס'איז אין די גרויסע שטוב נישט געבליבען מעהר ווי דער גאון רבי יוסף וואָס איז געוועזען רב אין זאַקלאַווי, וואָס דעם בעל שם'ס תורה אויף די תפלה תקע בשופר גדול לחרותנו האָט אין איהם אַרײַנגעבראַכט אזוי אַ שטאַרקע אמונה אין די אידישע גאולה, אַז ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַז משיח וועט אין דעם טאָג קומען, און דער הויכער רעיון האָט זיך אין איהם וואָס אַמאָל מעהר געשטאַרקט, ביז זײַן אָטהעם האָט זיך אין איהם אזוי געשטיקט אַז ער האָט געמיינט אַז ער האַלט ביי יציאת נשמה, נאָר זײַן גליק איז געוועזען וואָס ס'איז איהם דאַמאָלס איינגעפאַלען אַוועק צו לויפען אין וואַלד אַרײַן צו זײַנע חברים און זיי ערצעהלען זײַן רעיון, און ער איז שנעל געלאָפען איבער דער שטאָדט אין דעם וואַלד אַרײַן אַז ער האָט אַלע מענשען געמאַכט אויף זיך פרעגען וואָס ס'איז איהם געשעהען, קומענדיג אין וואַלד אַרײַן האָט ער געטראָפען זײַנע חברים אַרומגעהן מיט זײַן הויכען געדאַנק אַז משיח קומט היינט, ווײַל דעם בעל שם'ס תורה אויף די תפלה תקע בשופר גדול לחרותנו האָט אין זיי אויך אַ שטאַרקען רושם געמאַכט, זיי זענען אַלע געזיצען און ערוואַרט צו הערען דעם בלאָז פון משיח'ס שופר ביז די שטערען האָבען זיך בעוויזען און די צווייטע נאַכט פון ראש השנה איז אָנגעקומען, דאַמאָלס האָט דער רעיון זיי פערלאָזט און זייערע

איפגערעגטע נעדאנקען זענען בערוהיגט געווארען. פון די געשיכטע קען מען וויסען וואס פאר א אונגעהויערן קראפט דעם הייליגען בעל שם'ס תורות האבען געהאט.

אין דער בערומטער שטאדט בראד האט געוואוינט א נגיר א ווייןהענדלער, אין מזרח־זייט פון זיין קעלער זענען געליגען פלעשער כשר'ען וויין און אין מעריב־זייט זענען געליגען פלעשער מיט יין נסך, און אזוי ווי מ'האט איהם געפלעגט אפט ערצעהלען אונגעהויערע מופתים פון בעל שם טוב אז ער זעהט ארום און ארום וואס ס'טוהט זיך, האט ער זיך געוואלט דאס פעסט איבערציינגען אויב דער בעל שם ווייסט ווירקליך וואס ס'טוהט זיך פון ווייטען, איז איהם איינגעפאלען צו פרובען דעם בעל שם וואס איז גראדע דאמאלס געווען אין בראד, און ער האט געהייסען ארויפנעמען פון קעלער א טרפה'נע פלאש וויין און זי אוועק טראגען דעם בעל שם אלס כשרה, און איהם זאגען אז ער זאל זי גלייך טרונקען איידער זי פערלירט דעם געשמאק. דער משרת האט ארויפגענומען פון קעלער א כשרה פלאש וויין און האט זי גלייך אוועקגעטראגען דעם בעל שם, ער האט זי געעפענט און אנגעגאסען א האלב גלאז און ווי ער האט דאס דריי מאל בעטראכט ביי'ם פענסטער האט ער געמאכט די ברכה מיט גרויס התלהבות און געטרונקען, דער משרת איז אהיים געגאנגען און ערצעהלט דעם גביר אז דער בעל שם האט דעם וויין געטרונקען, דער גביר האט באלד פיל געמאכט די שטאדט אז דער בעל שם האט געטרונקען יין נסך, און ווי די חסידים האבען איהם דאס ערצעהלט האט ער געשיקט רופען דעם גביר און האט איהם געפרעגט פאר וואס ער איז איהם בחנם חושד, דער גביר האט איהם דרייסט געענטפערט אז דאס איז נישט בחנם און דער וויין איז ווירקליך געווען נסך. דער בעל שם האט איהם קאלטבלוטיג געפרעגט אויב ער האט די פלאש אליין ארויפגענומען פון קעלער, און ער האט איהם געענטפערט אז זיין משרת איז אזוי גיט ווי ער, און ער וועט נישט משנה זיין וואס ער הייסט איהם אויף איין האר. דער בעל שם האט געהייסען מ'זאל שנעל ברענגען דעם זעלבען משרת, און דער גביר האט איהם געפרעגט פון וועלכער זייט קעלער האט ער גענומען די פלאש וויין, דער משרת האט איהם געענטפערט אז ער האט גענומען פון די כשרה פלעשער וואס ליגען אין די מזרח־זייט קעלער. הערענדיג דאס איז דער גביר זעהר פערשעמט געווארען, און ווי ער איז אהיים געקומען האט ער געפונען אז זיין גאנצער וויין איז שרעקליך זויער געווארען און איז אין א קורצע צייט א ארעמאן געווארען.

דאס ליעבשאפט וואס דער הייליגער בעל שם טוב האט געהאט צו יעדען נאטס פורכטיגען איד איז געווען אהן א שעור אפילו ווען ער איז נישט געווען א בן תורה, איינמאל איז דער בעל שם געפאהרען אין וועג האט ער געטראפען פאהרען א פילע פוהר מיט סוחרים, ער האט גלייך געהייסען זיין פוהר זאל זיך שטעלען און איז צו געגאנגען צו יענע פוהר און האט שלום געגעבען א אלטען סוחר וואס איז דארט געזיצען, און ער איז צוריק ארויף אויף זיין פוהר. די מענשען וואס האבען דעם אלטען געקענט פאר א פראסטען מענש האבען דעם בעל שם געפרעגט פאר וואס ער האט זיך פאר איהם אזוי מכניע געווען אראבצוגעהן פון דער פוהר איהם שלום געבען. דער בעל שם טוב האט זיי געענטפערט אז ס'קומט איהם נאך מעהר כבוד, ווייל ער פאהרט שוין אזוי נאך ברעסלוי דרייאונפערציג יאהר און ער האט נאך אין דער גאנצע צייט די מינדעסטע זינד נישט געטוהן.

איידער דער בעל שם איז נתגלה געווארען איז ער געוועזען א שוחט אין דארף קאשיליוויץ ביי יאזלאוויץ, און מ'האט אין איהם נישט געזעהען קיין זאך וואס מ'זאל איהם דורך איהר גרעסער האלטען פאר אלע אנדערע שוחטים, אין דער צייט האבען די צוויי ברידער, דער גאון רבי יצחק בער וואס איז אלט געוועזען זיבצעהן יאהר, און דער גאון ר' מאיר דער מחבר פון מאיר נתיבים איז אלט געוועזען עלף יאהר, געלערנט ביי זייער פאטער וואס איז בעוואוסט אין דער לומדישע וועלט מיט'ן נאהמען מהר"ץ. פלוצלינג האט זיך אין דעם הערץ פון די צוויי יונגע ברידער דערוועקט א אונגעהויערן חשק צו פאהרען צום שוחט אין דארף קאשיליוויץ נישט וויסענדיג צו וואס, דער חשק האט זיי נישט געלאזט רוהען, בערויבט דעם אפעטיט פון עסען געשטערט די געדאנקען ביי'ם לערנען, ביז זיי האבען זיך פעסט בעשלאסען, זיי זאלען נישט זאגען קיינעם און אהין צום שוחט אין דארף אריין. ווי זיי זענען ביידע אהין געקומען, האט זיי דער שוחט צוגענומען זעהר פריינדליך און זיי זענען ביי איהם אין שטוב געוועזען צוויי וואכען, און אלע גרויסע זאכען וואס זיי האבען דארט אין די פערצעהן טעג געזעהען האבען זיי שטענדיג געהאלטען אין געהיים, זייערע עלטערען זעהענדיג דאס זייערע צוויי בעליעבטע קינדער זענען פלוצלינג פערשווינדען געווארען, האבען גלייך געדינגען שלוחים וואס זענען ארומגעלאפען זיי זוכען, זיי האבען געטראפען איינעם אונטער דער שטאדט וואס האט זיי ערצעהלט אז מיט צוויי וואכען צוריק האבען זיי געזעהען די צוויי ברידער געהן אין דארף אריין, זיי זענען גלייך געלאפען אין דארף אריין, ארומגעקלעטערט מבית לבית ביז זיי זענען געקומען אין דעם שוחט'ס שטוב אריין און האבען די צוויי ברידער דארט געטראפען, זיי האבען זיי מיט געוואלט אהיים געשלעפט צו זייערע עלטערען, דער פאטער האט זיי געפרעגט וואס ס'איז מיט זיי פלוצלינג געשעהען, און וואס האבען זיי אזוינס ביי דעם ארעמען דארפס-שוחט געזעהען, נאר זיי האבען איהם מעהר נישט געענטפערט ווי דאס, אז דער דארפס-שוחט איז קיין מענש נישט נאר א מלאך בתמונת אדם, און צווישען דעם גאנצען אידישען פאלק געפונט זיך נישט זיין גלייכען אין תורה חכמה און יראת שמים. נאכדעם ווי דער בעל שם איז נתגלה געווארען פלעגען די צוויי גאונישע ברידער צו איהם אפט פאהרען, און האבען פון איהם געלערנט זעהר פיעל תורה און געירש'ט א גאנצען אוצר מיט אידישקייט.

ס'איז געוועזען א ערליכע איד וואס פלעגט אויף יעדע ימים נוראים קומען פון דארף דאווינען מיט דעם הייליגען בעל שם'ס מנין, ער האט געהאט א איינציג אינגעל וואס האט געהאט זעהר א שווערען קאפ, און ביז דרייצעהן יאהר האבען איהם די מלמדים נישט געקענט אויסלערנען אל"ף בי"ת, פון גרויס בושה האט זיין פאטער איהם נישט מיט גענומען צום בעל שם אויף די ימים נוראים, ווייל ער האט נישט געקענט דאווינען, און ער איז געבליבען אין דארף, נאר ווי ס'האט זיך געענדיגט זיינע דרייצעהן יאהר, האט איהם דער פאטער שוין מיט גענומען אבצוהיטען איהם ער זאל יום כפור פאסטען. און אזוי ווי דאס אינגעל פלעגט ביי זיך אין דער היים האבען א פייפערל וואס ער האט דאמיט געפייפט בשעת ער האט געפאשעט די בהמות אין פעלד, האט ער אהן פאטערס ידועה מיט גענומען דאס פייפערל צום בעל שם. יום כפור ביי'ם מוסף זאגט ער צום פאטער אז ער וויל א פייף טוהען מיט'ן פייפערל, און ער האט איהם אנגעשריגען ער זאל דאס נישט טוהען, אזוי האט ער דעם פאטער פיעל מאל נעבעטען און ער האט איהם אבגעזאגט, און ביי

איהם צו נעמען דאס פייפערל האט ער נישט געקענט ווייל ס'איז מוקצה. ביי נעילה האט זיך דאס אינגעל נישט געקענט איינהאלטען און האט אזוי א שטארקען פייף געגעבען דאס דער גאנצער עולם איז זעהר אויפגערעגט געווארען, נאר דער הייליגער בעל שם טוב האט זיי בערוהיגט זאגענדיג, אז דאס אינגעל האט מיט זיין פייפען ארויפגעבראכט זייערע תפלות אין הימעל אריין און האט איהם מיט דעם איינגעבערענגט זעהר פיעל ארבייט, דער בעל שם האט דאס געגעבען צו פערשטעהן, ווייל דאס יונגעל פערשטעהט נישט וואס צו זאגען, זיין צער איז אונגעהויער גרויס הערענדיג ווי אלע שטעהען און דאווינען, זיין הייליגער אידישער פונק האט זיך אין זיין ערליך הארץ צופלאקערט, דער וואס קען דאווינען ניעט דעם פלאם ארויס דורך די הייליגע ווערטער, אבער דער וואס ער קען די הייליגע ווערטער נישט וואלט גערן דעם פלאם ארויסגעבען דורך אנדערע מיטלען, און דאס אינגעל האט דעם פלאם ארויסגעגעבען דורך זיין פייף, זיין פאטער האט איהם דאס לאנג געשטערט און ער האט דעם פלאם איינגעהאלטען מיט אלע זיינע קרעפטען, און האט עס צום סוף מיט איינמאל ארויסגעגעבען ערנסט פאר דעם אייבערשטענס וועגען, און דער אייבערשטער פערלאנגט נישט מעהר ווי א ריין ערליך הארץ, און צוליעב דעם האט גאט אנגענומען זיין פייפען פונקט ווי א הייסע ערליכע תפלה, און מיט דעם זענען שוין אלע תפלות גלייך ארויף אויף דעם רעכטיגען ארט, און א רעכטיגער בעוויי אויף דעם איז, אז פון דעם פייף אן האט דאס אינגעל געקריגען א גוטען קאפ, און האט אין זעהר א קורצע צייט געקענט דאווינען, און מיט דער צייט איז ער אויך אגרויסער למדן געווארען.

איינמאל ראש השנה ווי דער הייליגער בעל שם טוב איז געשטאנען און געדאווינט מיט זיינע תלמידים, האט איינער פון זיי אראבגעלאזט אין מיטען דאווינען זיין טאבאק-פישקע, און האט זיך איינגעבויגען און זי אויפגעהויבען און ווייטער געדאווינט, דער צווייטער חסיד וואס איז בעקאנט געווען מיט'ן נאמען מוכיח האט דאס געזעהען און האט איהם גע'מוסרט אז ער האט נישט גלייך געטוהן וואס צוליעב א שמעק טאביק האט ער זיך אין מיטען דאווינען געבויגען צו די ערד. דער הייליגער בעל שם האט געזעהען ווי דורך דעם תרעומת פון דעם מוכיח איז אין הימעל ארויס א גזרה אז דער חסיד זאל אין דעם יאהר שטארבען און אראבפאלען אין די ערד אריין. די הייליגע נשמה פון בעל שם וואס זי איז דאמאלס געוועזען אין הימעל האט איהם דארט אנגעהויבען פערטיידיגען, נאר מ'האט זי שטיל געמאכט, ווי ס'איז געקומען הושענא רבה ביי נאכט, האט דער בעל שם געהאט עלית-נשמה, און זייענדיג אין הימעל האט ער ווידער אנגעהויבען צו פערטיידיגען דעם חסיד מיט אזוי א שטארק התלהבות אז מ'האט איהם נאכגעגעבען, אז ווען דער זעלבער מוכיח וועט אויף איהם געפונען א זכות, דאמאלס וועט דער בית דין של מעלה אויך מוחל זיין און פון איהם אראבנעמען די ביטערע גזרה. הערענדיג דעם ענטפער איז דער בעל שם אריין אין בית המדרש און האט דארט געטראפען דעם מוכיח זיצען אין א ווינקעלע און עוסק זיין אין דעם תקון פון משנה תורה מיט א הייליג התלהבות, דער בעל שם האט גלייך אויף איהם זיין טיעפען בליק געווארפען און ער האט דורך דעם ווי זיין גאנצען מוח פערלוירען און זיין גאנץ התלהבות איז ווי פערלאשען געווארען, ער האט פערמאכט דעם תקון און האט אנגעהויבען ארומגעהן אין בית המדרש הין און צוריק זעהר צורידערט, פלוצלינג איז אידם אריין א שאלה אין קאפ

צו וואָס איז אויף דער גאַנצע וועלט אַזוי שטאַרק אָנגענומען געוואָרען דאָס רייכערען און שמעקען דעם טאַביק, אויך איז איהם אַליין איינגעפאַלען אויף דעם אַ ענטפער, אַז דער טאַביק וועקט אויף די שוואַכע פערשלאָפענע געדאַנקען און העלפט די נשמות אַז זיי זאָלען זיך קענען פערטיעפען אין די הויכע ענינים, און ווייל דער ריח איז בבחינת אשה ריח ניחוח לה' איז דאָס אַ ריעכטיגע סגולה מעורר צו זיין די חסידים צו עבודת הבורא, געפונענדיג דעם ענטפער האָט ער אָנגעהויבען חרטה צו האָבען פאַר וואָס ער האָט פאַר דעם עולם געמוסר'ט דעם חסיד וואָס האָט אויפגעהויבען די טאַביק פישקע און האָט אויף איהם מלמד זכות געווען אַז זיין כונה איז געווען לשם שמים, ער זאָל דורך דעם שמעק טאַביק האָבען מעהר התעוררות צום דאַוונען. הערענדיג דאָס איז דער בעל שם צו איהם צוגעגאַנגען און איהם געגעבען זיין האַנד אַלס דאַנק דאָס ער האָט איצט גערעטעט דעם זעלבען חסיד פון טויט און איהם ווי אויפגעהויבען פון די ערד, דער בעל שם האָט איהם ערקלערט דעם גאַנצען ענין וואָס פאַר אַ רושם זיין הוכחה האָט געמאַכט אין די הויכע הימלען, און ווי ווייט דער מענש דאַרף דן צו זיין דעם צווייטען לכף זכות.

אויף דעם קליינעם שטעדטעל ווי דעם הייליגען בעל שם טוב'ס פאָטער ר' אַליעזר האָט געוואוינט זענען אַמאָל די ווילדע טאַטאַרען בעפאַלען ווי בלוטדורשטיגע חיות און טראָץ דעם וואָס זיי האָבען אַלץ בערויבט, האָבען זיי נאָך געפאַנגען די איינוואוינער און זיי פערקויפט פאַר קנעכט און דיענסטען אין זעהר ווייטע לענדער, און צווישען די געפאַנגענע איז אויך געווען דער ר' אַליעזר. זיין ווייב, דאָס הייסט דעם בעל שם'ס מוטער, האָט געלונגען צו ענטלויפען פון די טאַטאַרענס הענד, און זי האָט זיך ערנעהרט זייענדיג אַ הייווען. ר' אַליעזר איז פערפיהרט געוואָרען אין זעהר אַ ווייטע מדינה וואָס אין איהר האָט זיך קיין איינציגער איד נישט בעפונען, און ער איז דאָרט פערקויפט געוואָרען צו זעהר אַ רייכען גוי, און דער גוי האָט איהם אָנגעהויבען צו ליעבען זעהענדיג דאָס ער דיענט איהם טריי און ערליך, און ער האָט איהם געמאַכט אַלס אויפזעהער אויף זיין גאַנץ פערמעגען, דאַמאָלס האָט ר' אַליעזר אָנגעהויבען זוכען עצות צו ענטלויפען פון די גאָלדענע נעסט פון די גרוזאַמע שפּאַרבער, און אַהיים לויפען צו זיינע אַלטע אָרעמע נעסט פון זיינע ליבע טויבען, נאָר ס'האָט איהם פון הימעל אָנגעוויזען אַז ס'איז נאָך נישט געקומען די ריעכטיגע צייט ער זאָל פון דאָרט ענטלויפען, און ער האָט דאָס מקבל געווען באהבה און איז דאָרט ווייטער געבליבען, און שפּעטער האָט איהם זיין הערר אוועקגעשענקט דעם גרויס וויזיר פון סולטאַן, און זעהענדיג זיינע שאַרפע און ערליכע געוויסען, האָט ער איהם געהאַלטען פאַר זיין בעסטען יועץ, און אַלע עצות וואָס ער האָט איהם געגעבען האָבען דעם גרויס וויזיר צו די גרעסטע גליקען געפיהרט. אַמאָל האָט דער סולטאַן געפרעגט ביי דעם גרויס וויזיר אַ עצה אויף זעהר אַ וויכטיגען דיפּלאָמאַטישען אינטערעס, און ער האָט איהם נישט געוויסט קיין ריעכטיגע עצה צו געבען, ער איז שנעל אַהיים געלאָפען און האָט דאָס פאָרגעשטעלט ר' אַליעזר'ן, און ער האָט פאַר איהם יאָ געפונען די ריעכטיגסטע עצה, דער וויזיר איז שנעל אַהין געלאָפען צום סולטאַן און האָט איהם די עצה איבערגעגעבען, דער סולטאַן איז ערשטוינט געוואָרען הערענדיג די חכמה, און אַזוי ווי ער האָט בעמערקט אַז די קלוגע עצה איז נישט זיינע, האָט ער איהם אַ שטרענגען בעפעהל געגעבען ער זאָל איהם זאָגען ווער ס'האָט איהם די עצה געגעבען, דער וויזיר האָט אַ־

ענטדעקט דעם אמת אַז די עצה האָט איהם זיין אידישער שקלאַף אליעזר געגעבען, און מיט'ן סולטאַנס בעפעהל איז ר' אליעזר גלייך געבראַכט געוואָרען צום סולטאַן, און רעדענדיג מיט איהם אַ קורצע צייט האָט ער זעהר אַגרויסען חן געפונען אין זיינע אויגען און האָט איהם גלייך געמאַכט פאַר זיין יועץ, ער האָט איהם געגעבען אַ מיניסטערס טאָכטער פאַר אַ קעבסווייב, און ווי זי האָט געזעהען אַז ער איז צו איהר קאַלט און ריהרט זי אפילו נישט אָן, האָט זי איהם געפרעגט וואָס פאַר אַ פעהלער ער האָט אין איהר דערזעהען וואָס ער לעבט נישט מיט איהר און אַזוי ווי זיין אַבגעהיטען מויל האָט נישט געקענט אַרויסגעבען קיין וואָרט שקר, האָט ער איהר ריכטיג ערצעהלט אַז ער איז אַ אָרטאָדאָקסישער איד און ער האָט ביי זיך אין שטאָדט זיצען אַ ווייב דאַדורך קען ער נאָך אַ ווייב נישט האָבען. הערענדיג זיין ערליכען ענטפער האָט זי אויף איהם זעהר אַ אונגעהויער רחמנות געקרוגען, און זי האָט איהם פיעל געלד געגעבען און איהם גלייך אַהיים געשיקט צו זיין ווייב, אויפ'ן וועג זענען איהם בעפאַלען אַ באַנדע רויבער, זיי האָבען איהם דאָס גאַנצע געלד צונעמען, און ווי זיי האָבען איהם געוואָלט אומברענגען, איז געקומען אליהו הנביא און האָט איהם פון זייערע בלוטיגע הענד אַרויסגערעטעט, און איהם געזאָגט אַז ווייל ער האָט מנצח געוועזען דעם שטאַרקען יצר הרע און האָט די שענע פרוי נישט אָנגעריהרט, וועט ער האָבען אַ זוהן וואָס וועט די אידישע וועלט בעשיינען מיט זיין תורה הכמה און חסידות, און ער זאָל איהם רופען מיט'ן נאָמען ישראל, ווייל ער האָט געהערשט אויף אַ פייערדיגען גרויזאַמען מלאך און האָט איהם בעזיעגט, אויך ווייל ער וועט דעם פאָלק ישראל צוריק געבען דעם טייערן גלאַנץ וואָס זיי האָבען אין גלות פערלוירען, און דאָס אַלץ איז ביי איהם מקוים געוואָרען, אַזוי ווי אליהו הנביא האָט איהם געזאָגט.

אַמאָהל איז דער הייליגער בעל שם טוב אַרומגעגאַנגען דריי טעג און דריי נעכט פערטיעפט אין זעהר אַ הויכען רעיון, דאָס קיין מענש האָט מיט איהם נישט געקענט רעדען קיין שום ענין, אויף דעם פירטען טאָג האָט ער בעמערקט אַז ער געפינט זיך אין זעהר אַ שרעקליכע וויסטע ווייט פון זיין הויז, ער האָט זיך אַליין פערוואונדערט ווי אַזוי און צו וואָס ער איז געבראַכט געוואָרען אין דער מדבר אַריין. פלוצלינג האָט ער דערזעהען ווי פון ווייטען שטעהט אַ אונגעהויערע גרויסע זשאַבע, ער איז צו איהר שנעל צוגעגאַנגען און האָט זי געפרעגט ווער זי איז. די זשאַבע האָט גלייך איהר מויל געעפענט און אַ מענשליך קול האָט אַרויסגערעדט, אַז ער איז אַ געוועזענער תלמיד חכם וואָס איז שוין פינפהונדערט יאָהר מגולגל געוואָרען אין די זשאַבע זשאַבע, און אַז זיין זינדיגע נשמה זאָל קיין מאָל קיין תקון נישט האָבען, איז זי פערווייטערט געוואָרען אין אַ מדבר ווי מענשען קומען נישט. דער בעל שם האָט זי געבעטען זי זאָל איהם ערצעהלען וואָס פאַר אַ זינד זי האָט דאָס אַ זוינס געטהון, און זי האָט ערצעהלט דאָס זי האָט זיך קיין מאָל נישט געוואַשען צום עסען, האָט דער שטן אויף איהר אָנגעהויבען מקטרג צו זיין אין הימעל, נאָר מ'האָט איהם געענטפערט דאָס מ'קען זי אויף די איינציגע עבירה נישט בעשטראָפען, נאָר ווען זי וועט נאָך אַ עבירה טהון וועט מען זי שוין צוזאַמען בעשטראָפען, דער שטן האָט זיך צו איהר גענומען און האָט זי צוגערעדט צו טהון אַיין עבירה נאָך די אַנדערע, אַזוי ווי די חכמי המשנה זאָגען עבירה גוררת עבירה, האָט דער בית דין של מעלה בעשטעטיגט מ'זאָל זי ערווייטערן אין אַ מדבר אַריין און זי נישט לאָזען תשובה טהון, די זשאַבע

האָט געװײנט אַז װען זי װאָלט יאָ תשובה געטהון װאָלט מען איהר די עבירות מוחל געװעזען, װײל דער כח פון תשובה בעזיגט אַלע מקטריגים אין הימעל, נאָר דער שטן האָט מורא געהאַט אַז זי זאָל טאַקי נישט טהון תשובה האָט ער זי געמאַכט פאַר אַ שכּור, כּדי זי זאָל נישט קענען קלעהרען װעגען תשובה טהון, און זי איז טאַקי געשטאָרבען אָהן די מינדעסטע תשובה, און װײל איהר ערשטע זינד איז געװעזען װאָס זי האָט מזלזל געװעזען אין נטילת ידים, דורך דעם איז זי מגולגל געװאָרען אין אַ זשאַבע צו ליגען אָפּט אין אַזױ אַ װאַסער װאָס בײ איהר געפינט זיך נישט שטענדיג קײן מענש װאָס זאָל פון איהר טרונקען מיט אַ ברכה װאָס דורך די ברכה קען זי גאַנץ לײכט האָבען אַ תקון. הערענדיג דאָס האָט דער בעל שם אויף איהר רחמנות געקריגען און האָט זי דאָרט אויפ'ן אָרט מתקן געװעזען, און װי די נשמה איז געקומען אויף איהר אָרט איז די זשאַבע געבליבען ליגען טויט פאַר זײנע אויגען.

איין מאָל ערב פסח איז דעם הײליגען בעל שם טוב זעהר ענג געװעזען און ער האָט נישט געהאַט קײן געלד צו קויפען אַלץ װאָס אַ איד נעבּרויכט אויף פסח, זיצענדיג אַזױ פערקלעהרט קומט צו איהם פּלוצלינג אַרײן אַ פרוי און זי איז איהם מכבד מיט זעהר אַ גרויסען פדיון װאָס איז גענוג געװעזען אויפ'ן גאַנצען פסח, און דאָס האָט אין איהם דערװעקט אַ אומגעהויערע שמחה, דאָס ער האָט זי געפרעגט װאָס פאַר אַ ברכה זי װיל פון איהם. זי האָט איהם ערצעהלט אַז ס'איז שוין צעהן יאָהר נאָך איהר חתונה און זי האָט נאָך קײן קינד נישט געבוירען, און אַזױ װי די גרעסטע דאָקטוירעם האָבען פעסט בעשלאָסען אַז זי בלײבט אַ אײביגע עקרה, װיל זי איהר מאַן גט'ן. הערענדיג איהר װײנען, האָט זי דער בעל שם געטרײסט און איהר פערשפּראָכען אַז נאָך אין דעם יאָהר װעט זי האָבען אַ קינד. די הבטחה האָט אין הימעל געמאַכט אַ אומגעהויערען רעש פאַר װאָס ער ערלויבט זיך אָפּט משנה צו זײן די טבע, און איין מלאך האָט אויסגעשריגען אַז דאַדורך פערלירט דער בעל שם זײן גאַנץ חלק עולם הבא. װי דער בעל שם האָט דאָס געהערט, איז ער זעהר פרײליך געװאָרען און האָט מיט קוראַש געזאָגט: „איצט איז װירקליך געקומען די צײט איך זאָל אָנהײבען דינען דעם אייבערשטען מיט אמת, װײל אויף אַ חלק לעולם הבא האָב איך שוין מעהר נישט צו האָפען". און מיט די װערטער האָט ער גלײך שטיל געמאַכט זײנע הומלישע מקטריגים און מ'האָט זײן עולם הבא נישט צוגענומען. און בײ נאַכט איז זײן רבי אחיה השילוני צו איהם געקומען און איהם ערקלעהרט אַז דאָס איז נאָר געװעזען איהם צו פּרובען אויב ער װעט װײטער בלײבען בײ זײן חסידות.

דער הײליגער בעל שם טוב זאָגט אַמאָל צו זײן גרעסטען תלמיד רבי װאָלף קיצעס אַז ער זאָל שנעל אװעקפאָהרען נאָך בראָד. און ער האָט איהם נישט געזאָגט דעם צװעק פון דעם פאָהרען, װײל אַזױ פלעגט זיך דער בעל שם פיהרען װען ער פלעגט אַװעקשיקען זײנע אַ תלמיד האָט ער איהם פריהער נישט געזאָגט צו װאָס ניצט דאָס שלוחות, נאָר װען דער תלמיד איז געקומען אויפ'ן ריכטיגען אָרט האָט ער זיך שוין דאָרט אַלײן דערװיסט דעם צװעק פון זײן פאָהרען, דאַדורך האָט דער הײליגער ר' װאָלף קיצעס נישט געפרעגט װאָס ער ברויכט מיט דעם פאָהרען פערזעכטען. און דער צװעק פון די רײזע איז געװעזען, װאָס דער בעל שם האָט געזעהען מיט זײן רוח הקודש, אַז זײנע פערביסענע מתנגדים מאַכען אין בראָד אַ גרויסע אסיפה, און די גרעסטע רבנים נעמען אין איהר אנטײל, מ'זאָל דעם בעל שם מיט זײנע הײליגע תלמידים לײגען אין חרם אַרײן, װײל די פערביסענע מתנגדים האָבען אויף זײ מוציא

שם רע געוועזען, דאס זיי פיהרען זיך פערקעהרט ווי דער שלחן ערוך, און זיי ווילען געבען א נייע תורה אויף דער וועלט. נאר די אַלע רבנים וואס זענען געקומען אויף די אַסיפה האָבען דעם חרם נישט געקענט אַרויסגעבען אָהן די הסכמה פון דעם לעמבערגער רב וואס די שטאָט בראָד איז געוועזען אונטער זיין השגחה, זיי האָבען גלייך אַוועקגעשיקט אַ שלוח מיוחד נאָך לעמבערג פערבעטען דעם רב אויף די אַסיפה, און פאָהרענדיג נאָך בראָד איז דער לעמבערגער רב אויפ'ן וועג אין דאָרף אריין אין אַ אַכסניא, וואס מ'האָט פאַר איהם דאָרט געמאַכט אַ סעודה און די דאָרטיגע גבירים זיינען צו איהם געקומען מקבל פנים זיין, און דאָרט אין די זעלבע אַכסניא איז דער הייליגער ר' וואָלף קיצעס אויך איינגעשטאַנען אַלס אָרעמאַן און האָט זיך געלייגט בייי'ם אויווען שלאָפען, און ווי דער לעמבערגער רב האָט שפּעט אין דער נאַכט געענדיגט די סעודה און האָט זיך געוואָלט לייגען שלאָפען, איז ר' וואָלף אויפגעשטאַנען פון שלאָף, און האָט אָנגעהויבען אָבּרעכטען תקון חצות מיט אַ אומנאַטירליך התלהבות מיט אַ מבול בכיות און קרעכצען וואס האָבען דעם רב'ס האַרץ צובראָכען, און ער האָט פון דעם פערשטאַנען אַז דער איד איז אַ הויכער מענש, ער האָט געוואָלט וויסען אויב ער איז צו זיין פרומקייט אויך אַ למדן, האָט ער זיך שוין נישט געלייגט שלאָפען, און ווי ר' וואָלף האָט געענדיגט דעם תקון חצות, האָט ער מיט איהם געמאַכט אַ שאַרפען שמועס און לערנען, און ער האָט זיך איבערצייגט אַז ער איז אויך אַ גאון אין לערנען, און איז מיט איהם געזיצען און זיך מפלפל געוועזען אין לערנען שפּעט אויפ'ן טאָג אַרויס, נאָכדעם האָט ער איהם געפרעגט ווי אַהין ער פאָהרט, און הערענדיג אַז ער פאָהרט נאָך בראָד, האָט ער איהם געבעטען דאָס ער זאָל מיט איהם צוזאַמען פאָהרען אין זיין קאַרעטע, און זיצענדיג אין די קאַרעטע האָט איהם דער רב געפרעגט אויב ער קען נישט דעם בעל שם, אויף דעם האָט איהם ר' וואָלף געענטפערט אַז ער קען איהם יאָ און ניין, דער רב האָט איהם געזאָגט אַז ער פערשטעהט נישט דעם ענטפער, ווייל יאָ איז נישט ניין און ניין איז נישט יאָ, און ר' וואָלף האָט איהם ערקלעהרט אַז ער איז טאַקי דעם בעל שם'ס אַ תלמיד מובהק, און וועלכער תלמיד מובהק קען נישט זיין רבין, נאָר זיין הייליגקייט איז אונמעגליך צו קענען, ער איז אַ נסתר, לערנט יומם ולילה כתרי תורה, קען גאַנץ ש"ס מיט פוסקים אויסוועניג, און צייט ער לעבט האָט ער נאָך נישט משנה געוועזען איין האָר ווי אין שלחן ערוך שטעהט, ס'גיבט נישט דער צווייטער מדקדק במצות ווי ער איז, וויפיעל ער האָט גיעט ער אַוועק צדקה, ער לעבט נישט פאַר זיך נאָר פאַר'ן גאַנצען כלל ישראל, יעדער מענש וואס הערט איהם איינמאָל דאַווענען ווערט פאַר איהם בטל ומבוטל, און וויפיעל זיינע תלמידים קענען איהם הייבען זיי איהם נישט אָן צו קענען. ווי דער לעמבערגער רב האָט דאָס געהערט איז ער זעהר נתפעל געוואָרען און ער האָט געטראַכט אַז ער פאָהרט אומזאָנסט נאָך בראָד, ווייל אין דעם תלמיד דערקענט מען ווי גרויס זיין רבי איז. דער רב האָט זיך מיט דעם הייליגען ר' וואָלף'ן אַריינגעזעצט אין זיין קאַרעטע און זענען בשלום אַריינגעקומען אין שטאָט אַריין, די שענסטע מענשען האָבען איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און האָבען איהם מיט'ן שענסטען פּאַראַד אַריינגעפיהרט אין די גרויסע זאַאל ווי די אַסיפה איז געוועזען, די רבנים און ראשי הקהל האָבען איהם אָנגעטהון גרויס כבוד, און ר' וואָלף קיצעס איז אויך דאָרט געוועזען, און זעהענדיג ווי דער לעמבערגער רב איז איהם מכבד און זעצט איהם נעבען זיך, האָבען זיי איהם גערעכענט אויך פאַר אַ גרויסען רב. דער ראש הקהל האָט געמאַכט

א גרויסע סעודה פאר די הייליגע געסט, דער לעמבערגער רב איז געזיצען אויבען אן און ר׳ וואלף נעבען איהם רעכטס, נאך דעם עסען האט דער לעמבערגער רב מכבד געוועזען ר׳ וואלף׳ן מיט׳ן בענשען, אלע רבנים זענען ערשטוינט געבליבען הערענדיג זיין בענשען, זעהענדיג ווי זיין פנים שיינט פון קדושה, ווי די הייליגע ווערטער געהען ארויס פון זיין מויל ווי פלאמען פייער. נאך דעם בענשען האט דער ראש הקהל דערלאנגט דעם לעמבערגער רב א גרויסען בויגען פאפיער ער זאל זיך אויף איהם חתמ׳ענען, ער לעזט פון דעם פאפיער: „אזוי ווי דער בעל שם מיט זיינע תלמידים זענען צווישען די אידען א נייע סעקטע וואס פיהרען זיך פערקעהרט ווי דער הייליגער שלחן ערוך, און געהען אין אזאלכע נייע דרכים וואס די הייליגע חכמים האבען זיי נישט געקענט און נישט געוויסט, דורך דעם ליגט אויף אונז רבנים א הייליגער חוב אריינצולייגען איהם מיט אלע זיינע תלמידים אין חרם, דאס יעדער איד טאר נישט שטעהן אין זייערע ד׳ אמות, און טאר מיט זיי קיין מגע ומשא נישט האבען...״ ווי דער לעמבערגער רב האט געענדיגט דעם לעזען, האט ער שמייכלענדיג געזאגט צו ר׳ וואלף׳ן אז ער וועט דעם חרם נישט אונטער שרייבען ביז ר׳ וואלף וועט זיך נישט פריהער אויף איהם חתמ׳ענען, הערינדיג האט זיך ר׳ וואלף אויפגעשטעלט און האט אנגעהויבען ערקלעהרען מיט א שרעקליך התלהבות, אז דער בעל שם איז מעהר קדוש וטהור פאר זיי, און ער איז א יחיד בדורו וואס די גאנצע וועלט לעבט אין זיין זכות, און דער חרם איז מעהר נישט ווי מעשה שטן, מ׳זאל חלילה ברענגען גרויסע פורעניות אויף דער וועלט. הערענדיג דאס, איז אויף די רבנים געפאלען א אימה, דער לעמבערגער רב האט גלייך צו ריסען דעם חרם, דער ראש הקהל וואס האט געמאכט די אסיפה איז אין זייערע אויגען שרעקליך געלעהמט געווארען, וואס דורך די אסיפה איז דעם בעל שם׳ס נאהמען מעהר פערהייליגט געווארען אויף דער וועלט, און ר׳ וואלף האט געזעהען צו וואס דער הייליגער בעל שם האט איהם געהייסען פאהרען נאך בראד.

איינמאל נאך פסח ווען דער בעל שם טוב מיט זיין טאכטער און ר׳ הירש סופר זענען געזיצען אין קאנסטאנטינאפאל ארעם אהן ערנעהרונג, האט זיך אליהו הנביא בעוויזען צו איהם און האט איהם בעזארגט מענוג געלד זיי זאלען קענען אהיים פאהרען, און ווען זיי זענען געפאהרען אויף די שיף צו קומען נאך ארץ ישראל איז אויפ׳ן ים געוועזען זעהר א שרעקליכער שטורמווינד וואס האט דער שיף פערפיהרט אין אן אנדערן וועג און זיי צוגעשלעפט צו א פרעמדען אינזעל, דער קאפיטאן האט דארט די שיף פעראנקערט, און אלע רייזענדער זענען ארויף אויפ׳ן אינזעל. דעם בעל שם׳ס טאכטער האט זיך אנידערגעזעצט ביי׳ם בארטען און ער מיט ר׳ הירש׳ן האבען ארומשפאצירט אויפ׳ן אינזעל און זיך מפלפל געוועזען אין לערנען, אזוי וויים אז זיי האבען פערגעסען וואס דער קאפיטאן האט אנגעזאגט אז ענדע צוויי שעה נעהמט די שיף אב, זיי האבען געוואלט געהן צו דער שיף און זיי האבען דעם ריכטיגען וועג נישט געפינען, און געהענדיג אזוי צווישען די געדעכטע בוימער זענען די דארטיגע מענשען פרעסער זיי בעפאלען און זיי געבונדען, אז מ׳זאל זיי שפעטער אנבראטען און אויפפרעסען, ר׳ הירש האט מיט א יאמערליכע שטומע געפרעגט פאר וואס ער שווייגט און בענוצט נישט זיינע קבלה-מעשיות, נאר דער הייליגער בעל שם האט איהם געענטפערט אז ער וויסט אליין נישט פאר וואס מ׳האט פון איהם פלוצלינג צוגענומען דעם כח פון קבלה, און ער האט איהם געפרעגט אויב ער געדענקט נישט דאס לערנען וואס ער האט

פון איהם מקבל געוועזען, ער האט איהם געענטפערט אז ער האט אלץ פערגעסען און ער געדענקט נישט מעהר ווי די אותיות אל"ף בי"ת, דער בעל שם האט איהם געהייסען פארזאגען די אותיות און ער האט זיי נאכגעזאגט מיט זעהר א גרויס התלהבות, און האט מיט זיינע לעצטע קרעפטען געשריגען: „רבונו של עולם! געדענק די הייליגע אותיות וואס דיין גרויסער נאהמען איז דורך זיי אין אונזערע תורה געשריבען!" אין דעם איז אליהו הנביא אנגעקומען און האט פון זיי די שטארקע שטריק אויפגעבונדען, די מענשען פרעסער האבען דאס פון וויטען געזעהען, און זיי האבען געמיינט אז זיי האבען זיך אליין אויפגעבונדען, ווייל זיי האבען אליהו'ן נישט די זכיה געהאט צו זעהען, זיי האבען שנעל געכאפט זייער געוועהר און ווי זיי האבען געוואלט צו לויפען און זיי הרג'ענען, זענען זיי אין דעם מאמענט געכצליך בלינד געווארען און נישט געזעהען דעם וועג, זיי האבען אנגעהויבען צו יאמערן און בעטען דעם בעל שם מיט ר' הירש'ן, אז זיי זאלען זיי צוריק זעהענדיג מאכען, און האבען זיך אנגעהויבען פערטיידיגען אז זיי האבען נישט געוויסט אז זיי זענען געטליכע מענשען. דער בעל שם האט זיי געענטפערט אז ער וועט זיי זייער ראויה צוריק געבען ווען זיי וועלען איהם הייליג צו שווערען אז זיי וועלען תשובה טהון און מעהר קיין מענשען בלוט נישט פערגיסען, אויך זאלען זיי אלע מיט איהם מיט פאהרען ווי ער פאהרט און טהוען אלץ וואס ער וועט זיי הייסען. זיי האבען איהם אויף דעם זייער הייליגע שבועה געגעבען, און אליהו הנביא האט איהם געזאגט אז זיי זועלען נישט משנה זיין, דאמאלס האט דער בעל שם יעדען איינציגען פון זיי אנגעריהרט מיט זיין קליינעם פינגער און זיי האבען זייער פאריגע ראויה גלייך צוריק געקריגען. דער בעל שם האט זיי געפרעגט אויב זיי וועלען זייער שבועה האלטען, און זיי האבען איהם געענטפערט אז די שבועה איז ביי זיי הייליג און זיי וועלען זי אבהיטען מיט זייער גאנצען לעבען, און זיי געבען איהם א בעווייז אויף דעם, דאס זיי שענקען איהם אוועק דאס שענע יונגע מעדעל וואס זיי האבען געפאנגען ביי'ם בארטען פון ים און זיי האלטען זי פערשלאסען ווי א טייערע אוצר אין זייער חדר, צוויי מענשען פרעסער זענען שנעל געלאפען און ווי זיי האבען דאס מעדעל געבראכט האט דער בעל שם דערקענט אז דאס איז זיין טאכטער, און ס'איז זיך נישט פארצושטעלען זייער שמחה. דער עלטסטער מענשען פרעסער האט ערצעהלט אז ער האט אין דעם מעדעל אויך דערקאנט אז זי איז א הייליג קינד, ווייל אזוי ווי זיין העלדישער ברודער האט זי געוואלט שענדען איז ער געלעהמט געווארען און ער ליגט שטערבליך קראנק אויף זיין געלעגער. די מענשען פרעסער האבען מיט'ן בעל שם'ס בעפעהל מיט גענומען זייער פערמעגען און ווי זיי זענען געקומען צום בארטען, האבען זיי געטראפען שיפען וואס זיי אלע געהן צוריק נאך קאנסטאנטינאפאל נישט נאך ארץ ישראל, פון דעם האט דער בעל שם פערשטאנען אז דער הימעל איז נישט מסכים דאס ער זאל קומען נאך ארץ ישראל, זיי האבען זיך אלע אויפגעזעצט אויף א שיף און צוריק א היים געפאהרען, און די מענשען פרעסער האבען זיך ערנסט מגייר געוועזען און זיי זענען געווארען אבגעהיטענע אידען.

ווי דער הייליגער בעל שם האט געהערט דאס גרויסקייט פון דעם הייליגען גאון און גרויסען מקובל רבי חיים אבן עטר דער מחבר פון אור החיים אויף תורה, וואס האט געוואוינט אין ארץ ישראל, האט איהם אנגענומען א אונגעהויערער חשק צו פאהרען נאך ארץ ישראל און זיך בעקענען מיט דעם גרויסען צדיק, אויך איז

איהם אויפגעגאנגען אויף די גערזאנקען אז זיי ביידע קענען ברענגען משיח'ן און מקרב זיין די אמת'ע גאולה. דער בעל שם האט פריהער איהם אנגעפרעגט דורך זיין שוואגער ר' גרשון קיטאווער אויב ער קען קומען נאך ארץ ישראל און זעהען זיך מיט איהם, דער אור החיים האט געהייסען פרעגען דעם בעל שם, אויב אין דער צייט וואס ער לערנט קבלה און ער שוועבט ארום אין די הימלישע וועלטען, זעהט ער דאמאלס זיין קערפער מיט זיינע אלע גליעדער אין זייערע נאטירליכע פארבען, דער בעל שם האט איהם אויף דעם געשריבען א ענטפער, אז אין דער צייט וואס ער איז פער-נומען אין די עונגות העליונים, זעהט ער זיך נאר ביז זיינע פוס. לעוענדיג דעם ענטפער האט איהם דער אור החיים אבגעענטפערט אז ער זאל נישט קומען נאך ארץ ישראל, ווייל דער הימעל איז אויף דעם נישט מסכים. און ווייל דער בריעף איז אויפ'ן וועג פערלוירען געגאנגען, האט ער צוזאמענגענומען אלע זיינע ארעמע קרעפ-טען און איז אים ווינטער געפאהרען די ווייטע נסיעה, און אויף פסח איז ער קיים געקומען נאך קאנסטאנטינאפעל, און ווי דער סולטאן האט דאמאלס געהערט זיינע אומנאטירליכע וואונדער, און איידער ער האט איהם געשיקט רופען, האט מען איהם אנגעוויזען פון הימעל אז ער זאל צוריק אהיים פאהרען, נאר זיין חשק צו זעהען דעם הייליגען אור החיים האט איהם נישט געלאזט רוהען, און ער האט זיך אויפגעזעצט אויף א שיף וואס געהט נאך יאפע, נאר אין מיטען וועג איז די שיף צובראכען גע-ווארען, און זייענדיג דאמאלס אין דעם גרעסטען געפאהר, האט זיך צו איהם בא-וויזען זיין הייליגער רבי אחיה השילוני און ער האט איהם ארויסגערעטעט, דאמאלס האט ער שוין נעמנזט בערוהיגען זיין חשק צו פאהרען נאך ארץ ישראל זעהען דעם הייליגען אור החיים, און ער איז זעהר טרויעריג צוריק אהיים געפאהרען.

יעדעם מאל וואס דער הייליגער בעל שם טוב פלעגט צוריק קומען פון זיינע נסיעות מיט זיין הייליגען תלמיד ר' וואלף קיצעס, האט איהם דעם בעל שם'ס ווייב געבעטען אז ער זאל איהר ערצעהלען אלץ וואס ס'איז זיי דארט פארגעפאלען. איינ-מאל ווען זיי זענען צוריק געקומען פון זייער נסיעה, האט דער ר' וואלף איהר ער-צעהלט, אז זיי זענען אריינגעקומען אין א דארף וואס אין איהם וואוינט זעהר א גרוי-סער מאמין אין הייליגען בעל שם. ער האט זיי אויפגענומען מיט גרויס שמחה, און חאטשע דעם בעל שם האט דאמאלס נישט געפעהלט קיין געלד, האט ער איהם גע-זאגט אז ער זאל איהם שנעל געבען אבצעהן רובל, דער מענש האט לאנג נישט גע-קלעהרט און האט פערקויפט זיין קוה מיט זיין ווירטשאפט און האט דעם בעל שם געגעבען די ח"י רובל, נעמענדיג דאס געלד האט איהם דער בעל שם געזאגט, אז ווייל ער האט פערקויפט זיין איינציגע קוה וועט ער דורך א קוה זעהר רייך ווערען, און זיי זענען פון דארט אוועקגעפאהרען. ר' וואלף ערצעהלט איהר ווייטער, אז אויפ'ן וועג האט ער געהערט א וואונדערליכע מעשה, אז דער פריץ פון יענעם דארף ווי יענער איד האט געוואוינט, האט געשיקט אויפמאנען פון די אידישע איינוואוינער דאס דירה-געלד, נאר אזוי ווי דער איד האט דעם בעל שם אוועקגעגעבען אלץ וואס ער האט געהאט, האט ער נישט געקענט דעם פריץ ענטפערן, און דער פריץ האט זיין שטרענגען בע-פעהל געגעבען מ'זאל לויידיג מאכען זיין וואוינונג און איהם צווינגען צו פערלאזען זיין דארף, זיין ווייגען און בעטען האט נישט געהאלפען און ער מיט זיין ווייב און קינדער האבען געמוזט ארום ארעם נאקעט פון זייער היים, און געהענדיג אזוי פערביטערט אונטער דעם דארף, האבען זיי געטראפען א בעקאנטען גוי וואס פלעגט ביי איהם

לײַען געלד און בראָנפען, און צום סוף איז ער טאַקי איהם שולדיג געבליבען איניגע
רובל. ער האָט איהם ערצעהלט זײַן אומגליק וואָס האָט איהם פּלוצלינג געטראָפען,
און ער האָט פאַר איהם אַ שפּאָר ביסעל טרערען פערגאָסען, אַזוי ווײַט אַז דער גוי
האָט אויף איהם געקריגען רחמנות, און האָט איהם געהייסען אַרײַנגעהן אין דעם צוויי-
טען דאָרף ווי זײַן רײַכער ברודער וואוינט, און ער וועט איהם בעטען ער זאָל איהם
דאָרט אַ טובה טהוען. די עצה האָט דעם אומגליקליכען איד געפאַלען און זיי זענען
מיט דעם גוי אַרײַן אין דעם צווייטען דאָרף, און דער גוי האָט זיי פאָרגעשטעלט
פאַר זײַן רײַכען ברודער, און ער האָט זיי ערצעהלט אַז אַ נאַכט פריהער האָט זיך איהם
געחלום׳ט אַז זײַנע בהמות זענען איהם פּלוצלינג אין שטאַל קראַנק געוואָרען. און ווי
ער איז געזיצען פערטרויערט איז זײַן ברודער צו איהם אַרײַנגעקומען מיט אַ אָרעמען
איד וואָס האָט אַלע זײַנע קראַנקע בהמות געזונד געמאַכט. און פרעגענדיג איהם אין
חלום וואָס פאַר אַ לוין ער פערלאַנגט פאַר דעם, האָט ער איהם געענטפערט אַז
ער זאָל איהם פערקויפען אַ קוה אויסצוצאָהלען איהר פרייז אין ראַטעס, און פון
איהר מילך פערקויפען וועט ער די קוה אויסצאָהלען און זיך קענען פון דעם מפרנס
זײַן. דער גוי האָט איהם אין חלום געזאָגט אַז ער גיעט איהם צוויי בהמות נאָר ער
האָט נישט געוואָלט מעהר ווי איינע. דער גוי האָט זיך אויפגעחאַפּט פון שלאָף און
אַרײַנלויפענדיג אין שטאַל זעהען וואָס די בהמות מאַכען, האָט ער זיי געטראָפען-
ליגען קראַנק אויף די ערד און דער פאַסטוך זיצט און בעוויינט זיי. דער גוי האָט
זיך דאַמאָלס געטראַכט אַז די ערשטע העלפט פון זײַן חלום איז ווירקליך מקוים גע-
וואָרען, האָפט ער אַז די צווייטע העלפט וועט אויך מקוים ווערען, און ער גלייבט
אַז איצט איז געקומען די צייט אַז דער אָרעמער איד זאָל די בהמות געזונד
מאַכען דער פעראָרעמטער איד האָט גענומען אַ ביסעל היי אין די האַנד און ווי ער
האָט דאָס געוויזען די קראַנקע בהמות, זענען זיי צו איהם גלייך צוגעלאָפען און
דאָס פון זײַן האַנד געגעסען ווי אַ קראַנקער אַ רפואה, און זיי אַלע זענען גלייך גע-
זונד געוואָרען, דער גוי האָט איהם געגעבען צוויי קוה וואָס ער האָט זיך פון פער-
קויפען זייער מילך בכבוד מפרנס געווען. מיט דער צייט איז די מילך פון זײַנע
בהמות בעקאַנט געוואָרען פאַר די בעסטע און געזינדסטע, אַזוי ווײַט אַז דאָס איז
אָנגעקומען צום פּריץ, און ווי ער האָט די מילך פערזוכט האָט ער בײַ איהם טאָג
טעגליך צוגענומען די מילך מיט זעהר אַ גוטען פרייז, פיעל מאָהל ווען דער איד
האָט דעם פריץ בעלייגט אַ רעכנונג פאַר די מילך, האָט דער פריץ מיט איהם גע-
רעדט פון פערשידענע וועלט זאַכען, ביז ער האָט זיך בײַ דעם פריץ זעהר שטאַרק
אײַנגעליעבט. פּלוצלינג האָט זיך געמאַכט אַז דער גראַף איז אוועק אין זײַנע אויס-
לענדישע גיטער אַרײַן, און האָט דעם דאָרף אַוועקגעשענקט דעם איד, און ער איז
געוואָרען אַ אידישער פריץ, און פערשטאַנען מיט זײַנע נדבות פיעל אידען גליקליך
צו מאַכען. דאַמאָלס אין דער זעלבע צייט האָט דער בעל שם אַרומגעשיקט זײַן הײַ-
ליגען תלמיד ר׳ וואָלף קיצעס צוזאַמען קלויבען געלד אויף פדיון שבוים, און צום
שלום האָט נאָך איהם געפעהלט דרײַהונדערט רובל, ער איז אַרײַן צו דעם אידישען
פריץ, און אויסער דעם וואָס ער האָט איהם די דרײַהונדערט רובל מיט פערגעניגען
געגעבען, האָט ער איהם און דעם בעל שם געגעבען זעהר טײַערע מתנות. און ווי
דער הייליגער ר׳ וואָלף איז אַהײם געקומען און האָט דעם בעל שם ערצעהלט ווי
גליקליך יענער דאָרפס איד איז, האָט איהם דער בעל שם ערקלערט, אַז טאַקי

צוליעב דעם האט ער ביי איהם דאמאלס צוגענומען זיין לעצט ביסעל געלד כדי ער זאל מוזען ארוים פון יענעם דארף און אריין אין דעם צווייטען דארף ווי דארט ווארט אויף איהם זיין גרויסע הצלחה.

אזוי ווי דער הייליגער בעל שם טוב האט אנגעהויבען נתגלה צו ווערען אויף דער וועלט, האבען זיך דאמאלס געפונען פיעל לצים וואס האבען געהאט א הנאה איהם מצער צו זיין, איינמאל האבען די אידישע פאדראדטשיקעס זיך פערזאמעלט אין פעסטונג אריין און האבען דעם בעל שם געשיקט רופען אין פעסטונג אריין וועגען א פאליטישען ענין. אלע האבען זיך אין שטוב דערשראקען, נאר ער האט זיי בערוהיגט אז מ'רופט איהם נישט מעהר ווי פון איהם חוזק צו מאכען. ער איז אהין געקומען אין פעסטונג אריין, זיי האבען פאר איהם געדעקט א שענעם טיש, און האבען איהם געגעבען צו טרונקען הינדערט יעהריגען וויין כדי איהם שכור צו מאכען און איהם אזוי ארומשיקען אין אלע גאסען, דער בעל שם האט פון דעם טייערען וויין גענוג געטרונקען און ער איז נישט שכור געווארען, נאר ווי די פאדראדטשיקעס האבען די גלעזלעך וויין צום מויל גענומען, איז אויף זיי געפאלען א שרעקליכער שלאף. דער בעל שם האט געהייסען זיין משרת שפאנען דעם וואגען, און דער משרת האט איהם ערצעהלט אז ער האט אליין געזעהען ווי איין פאדראדטשיק האט פערשלאסען דעם טויער פון פעסטונג און צוגענומען דעם שליסעל. דער בעל שם האט זיך אויסגעלאכט און האט געהייסען שפאנען דעם וואגען, און ווי זיי זענען צוגעקומען צום טויער האט עס זיך אליין געעפענט און זיי זענען בשלום אהיים געקומען. ווי די פאדראדטשיקעס האבען זיך אויפגעכאפט און האבען זיך אומגעקוקט אויף דעם אונגעהויערן מופת, האבען זיי אנגעהויבען צו שרעקען, און זענען גלייך געלאפען מפייס זיין דעם בעל שם און ער זאל זיי נישט מעניש זיין, נאר ער האט זיי ערקלערט אז מיט דעם איצטיגען קומען האבען זיי געפועלט אז צוואנציג יאהר זאל דער עונש אויפגעהאלטען ווערען, נאר נאך די צייט ווארט אויף זיי א עונש פון א מגפה און זייערע קינדער וועלען געבוירען ווערען קאליקעס, און אזוי איז געוועזען.

איינמאל איז דער גאון ר' מאיר דער מחבר פון מאיר נתיבים געוועזען ביי דעם הייליגען בעל שם טוב, האט ער איהם דאמאלס געפרעגט, „מאיר'ל די געדענקסט ווען די האסט אנגעהויבען לערנען חומש ביסט די געשטאנען אויפ'ן טיש און געזאגט די דרשה און דער חדר איז געוועזען פול מיט מענשען"? ר' מאיר האט איהם געענטפערט: „געווים געדענק איך, איך געדענק נאך בעסערם, ווי די מאמע עליה השלום האט מיך פלוצלינג אין מיטען די דרשה אראבגעכאפט פון טיש מורא האבענדיג א עין הרע פון דעם מענש וואס איז דארט געשטאנען אנגעטהון א פעלץ און מיך דורכגעשפיזט מיט זיינע אויגען. די מאמע עליה השלום האט מיך געהאלטען פאר זעהר א שען אינגעל און זי האט אפט געשראקען פאר א שלעכט אויג". דער בעל שם זאגט צו איהם: „ווייסט די מאיר'ל דער מענש מיט'ן פעלץ בין איך געוועזען, מיין קוקען אויף דיר דאמאלס האט אין דיין נפש אריינגעבראכט די שטראהלען פון די אמת'ע חכמה און יראה, און ווען דיין מאמע עליה השלום וואלט דיך נישט דאמאלס אין מיטען צוגעכאפט, וואלסט די היינט נאך אויף א פיעל גרעסערע מדרגה געשטאנען, דאס האט ביי מיר דאמאלס אויסגעזעהען ווי מ'חאפט אוועק א קינד אין מיטען זייגען".

יעדעס מאל וואס דער הייליגער בעל שם טוב איז ארויסגעפאהרען אויף דער

פראווינג, האט מען איהם פריהער געמוזט ווייזען א רעכנונג וויפיעל ער איז שוין שולדיג פאר די שטוב הצטרכות וואס מ'האט געבארגט, און וועהענדיג אז די חובות געהען שוין איבער און ער האט נישט קיין וועג זיי צו בעצאהלען, איז ער ארומגעפאהרען אויף דער פראווינץ, און ער האט צוזאמען געקליבען פונקט אזוי פיעל געלד ויפיעל ער איז שולדיג נישט מעהר און נישט ווייניגער און ער האט די חובות בעצאהלט. איינמאל האט איהם זיין ווייב דערלאנגט א רעכנונג און זי האט איהם ערקלעהרט אז זי קען שוין מעהר נישט לייען און ער מוז שוין ארויספאהרען מאכען געלד, ער האט איהר מיט פערדרוס געענטפערט: „וואס יאגסט די מיך אזוי צום פאהרען, ווען מיך זאל גליסטען וואלט איך געקענט פון לייט געלד מאכען, נישט דורך שמות נאר דורך מיין תפלה, נאר איך שעם זיך אזאלכעס צו בעטען ביי דעם איבערשטען". אין דעם זעלבען טאג איז צו איהם געקומען צו פאהרען זעהר א גרויסער גביר, און ער האט איהם ערצעהלט אז די עצה וואס ער האט איהם געגעבען צו מאכען ציגעל האט איהם געלונגען, און ער האט פון דעם לייט נישט געמאכט ציגעל נאר געלד, און ער איז געקומען איהם געבען מעשר פון זיינע גרויסע פערדיענסטען. דער בעל שם האט פון איהם נישט געוואלט נעמען מעהר נאר וויפיעל זיינע הובות טרעפען אן, און האט איהם ערקלעהרט ווי יעדער מענש ברויך היטען דעם הייליגען הלל'ס מאמר ברוך ה' יום יום און נישט זארגען אויף מארגען.

דורך די הייליגע כתבים וואס דער גרויסער מקובל ר' אדם האט זיין זוהן געהייסען ער זאל זיי נאך זיין פטירה איבערגעבען דעם בעל שם, אזוי ווי מיר האבען שוין אויבען ערצעהלט, האט דער בעל שם געוויזען זעהר פיעל אונגעהויערע נסים און שטארקע מופתים וואס די גאנצע וועלט האט מיט זיי געקלונגען. איינמאל ביי נאכט האט זיך דער הייליגער ר' אדם בעוויזען צום בעל שם און איהם געזאגט, דאס אזוי ווי ער קאן שוין די כתבים אויסווענדיג, זאל ער זיי בעהאלטען אין א שטיינערנעם בארג וואס זיי וועלען שוין דארט בלייבען ליגען ביז דער הייליגער משיח וועט קומען און ער וועט זיי פון דארט ארויסנעמען. צו מארגענס האט דער בעל שם גענומען די הייליגע כתבים און איז מיט זיי גלייך אוועקגעגאנגען זעהר וויים אונטער דער שטאדט, ביז ער איז צוגעקומען צו א הויכען פעלזענשטיין. ער האט נאך א מאל דורך געקוקט די כתבים, און ווי ער האט געזעהען אז ער קען זיי שוין בעל פה, האט ער דערמאנט דעם שם הקודש האט זיך דער שטיין געשפאלטען, ער האט אין דעם שפאלט אריינגעלייגט די הייליגע כתבים, און ווי ער האט נאך אמאל דערמאנט דעם שם הקודש האט דער שטיין זיך צוריק פערמאכט און מ'האט דעם שפאלט נישט מעהר דערקענט. די הייליגע כתבים זענען שוין פיעל מאל נתגלה געווארען אויף דער וועלט, און דורך זיי זענען געשעהען גרויסע אומנאטירליכע וואונדער. אדם הראשון איז געוועזען דער ערשטער וואס האט געהאט די הייליגע כתבים און ער האט דורך די ליכטיגע שטראהלען פון זיינע שמות הקדושים געזעהען וואס ס'טהוט זיך פון איין עק וועלט ביז די צווייטע עק וועלט (עי' חגיגה י"ב ע"א), דורך די כתבים איז אדם הראשון געווארען א גרויסער חסיד (עירובין י"ח ע"א), און איידער ער האט געקריגען די כתבים איז ער געוועזען זעהר פערדארבען (סנהדרין ל"ח ע"ב). אברהם אבינו עליו השלום איז געוועזען דער צווייטער וואס האט זוכה געוועזען צו זעהען די הייליגע כתבים, און ער האט דורך זיי דערקענט אחדות הבורא, און דאס איז טאקי די טייערע פערל וואס די חכמים זאגען אז זי האט געהאנגען אויף זיין

האלז (ב"ב ט"ז ע"ב), און דורך די כתבים האט ער איינגענומען זעכצעהן מלכים (אגדת בראשית פי"ג), און געדעטעט געווארען פון קאלכאויוועז. אויך זענען זיינע קינדער געווארען דורך די כתבים ווי צוויי חכמים און האבען איהם געלערנט חכמה (ב"ר פס"א). יוסף הצדיק איז געוועזען דער דריטער וואס האט געקריגען די הייליגע כתבים און האט דורך זיי ריכטיג פותר געוועזען אלע חלומות, און אראבגעבראכט דעם מלאך גבריאל ער זאל איהם אויסלערנען אלע זיבציג לשונות (סוטה ל"ו ע"ב). יהושע בן-נון איז געוועזען דער פערטער וואס בעקומענדיג די כתבים האט ער מלחמה געהאלטען מיט פינפאונפערציג מלכים אויסער די איינאונדרייסיג מלכים פון ארץ ישראל, און דורך די כתבים האט ער זוכה געוועזען צו האבען טעכטער (מגילה י"ד ע"ב). שלמה המלך עליו השלום איז געוועזען דער פינפטער וואס האט זוכה געוועזען צו קריגען די כתבים, און האט דורך זיי געקענט רעדען מיט אלע בעשעפעניסען פון דער וועלט און רעגירען מיט זיי. דער מקובל ר' אדם איז געוועזען דער זעקסטער וואס האט דורך די כתבים בעקומען די שליסלען פון דער וועלט און בעוויזען פיעל אונאטירליכע וואונדער. דער הייליגער בעל שם טוב איז געוועזען דער זיבטער וואס האט דורך די כתבים מבטל געוועזען די שלעכטע גזרות וואס דער בית דין של מעלה האט געוואלט ארויסגעבען אויף דער וועלט, און ער האט זיי אויסגעטוישט מיט גוטע גזרות, און דער אכטער וואס וועט קריגען די הייליגע כתבים וועט זיין דער הייליגער משיח וואס ער וועט דורך זיי ברענגען די אמת'ע גאולה אויף דער וועלט.

# ענדע.

ביום ג' פרשת קרח התרע"א מכרתי ד"ת"י כתר שם טוב להר"ב מאטעל טונק נ"י והזכות שייך לו לצמיתות ואין לי ולכל אדם רשות להדפיסו.
וע"ז באעה"ח ביום הנ"ל ושנת הנ"ל

דוב בעריש טורש.